YP 2655.51
Bind 18–19 1937–39

# די פעדער

## זאַמלשריפט

פאַר ליטעראַטור, קונסט און קריטיק

לכבוד

### אברהם רייזענס יובילײ

רעדאַקטאָר אהרן קאַרלין

עס נעמען אנטייל

מיט ארטיקלען, עסייען, אָפּשאַצונגען, כאַראַקטעריסטיקן, דעראינירונגען, דערציילונגען, לידער און רעצענזיעס.

דר. חיים זשיטלאָווסקי, מאַני לייב, א. לוצקי, ז. ווײנפּער, נפתלי גראָס, א. טאַבאַטשניק, נחום י., ל. ראָזאָוו, שיינדל רייזען, שלום כ״ץ, מ. טאַבאַק, ב. טוטשינסקי, ראָזא נעוואדאווסקי, חיים פעט, משה וויטיעס, מ. ווינאָגראַד, יואל סלאָנים, ירחמיאל צוקערמאַן, י. ש. פרענאָוויץ, מאַקס מילטאָן, ראובן גראַנאָווסקי, שרה רייזען, דר. א. אייסען, ברוך בערנאַרד, אהרן קאַרלין, לאמעד שאַפּירא, פסח מאַרקוס, דוד איגנאַטאָוו, יוסף הלל לעווי, י. אדלער און דער בעל היובל —
א ב ר ה ם ר י י ז ע ן.

ניו יאָרק, 1937 פרייז פופציק סענט

HARVARD
UNIVERSITY
LIBRARY
JAN 1974

**DIE FEDER—The Pen**
*MONTHLY JOURNAL FOR LITERATURE, ART AND CRITICISM ....*

Published by a Group of Poets
Edited and Managed by AARON CARLIN

SUBSCRIPTION RATES: ONE YEAR $3.00 — SINGLE COPY 25 CENTS
220 East Eleventh Street, New York, N. Y.

1937 — ESTABLISHED MAY, 1919 — VOL. XVIII

# אינהאַלט:

זייט

דר. חיים זשיטלאָווסקי — אברהם רייזען. (עטלעכע געדאנקען וועגן זיין שאַפן) — 2
אברהם רייזען — א נייער לידער רינג — 4
מאַני לייב — דער גוטער, באם איסט ריווער, דער דיכטער (לידער) — 7
א. לוצקי — א בוים און אָפּטימיסט (ליד) — 10
ז. ווײַנפּער — פּאָעט, מחילה (לידער) — 11
נפתלי גראָס — דער גענאַרטער (ליד) — 12
נחום י. — אברהם רייזען, דאָס אינגל ביים קוואַל, (לידער) — 13
ל. ראָזאָוו — אים, אין א זומער נאַכט (לידער) — 14
שיינדל רייזען — ביים פענסטער (ליד) — 15
שלום כּץ — אונטער א לויטערן הימל (דערציילונג) — 16
מ. טאַבאַק — ווי וועלט איז גרוים (ליד) — 19
ב. טוטשינסקי — דער סופּריז פון אברהם רייזענס קונסט (אָפּשאַצונג) — 20
ראָזאַ נעוואַדאָווסקי — אברהם רייזען, ווי איך זע אים. (שטריכן פון זיין פּערזענלעכקייט) — 24
חיים פּעט — מאָמענטן מיט אברהם רייזען (דעראינערונג) — 26
משה וויטיעס — אברהם רייזען, דיכטער פון וועלט-פּאַרנעם (עסיי) — 28
מ. ווינאָגראַד — ארגומענטן (ליד) — 32
יואל סלאָנים — לידער פון זיך — 33
ירחמיאל צוקערמאַן — רויטע קאַרשן (קינדער אָפּערעטע) — 36
י. ש. פּרענאָוויץ — שטויב (לידער) — 45
מאַקס מילטאָן — עס איז דאָ אזא ווייַ (ליד) — 52
ראובן גראַנאָווסקי — אברהם רייזען (דעראינערונגען און כאַראַקטעריסטיקן) — 53
שרה רייזען — איך האָב היינט דערזען דעם פרילינג (ליד) — 63
דר. א. אייסען — פיר סאָנעטן פון שעקספּיר — 63
ברוך בערנאַרד — באַנקראָט (דראַמע) — 65
אהרן קאַרלין — איבערבייט, גערסט, וויסן, וועלט, גיט דער בלויז אליין (לידער) — 108
לאַמעד שאַפּיראָ — ברוך השם יום יום — 109
פּסח מאַרקוס — דער ערשטער — 110
דוד איגנאַטאָוו — א לויב — 112
אברהם רייזען — ליטעראַרישע רעוויו — 113
יוסף הלל לעווי — א בריוו צו די קריטיקער — 137
י. אדלער — וועגן א פּסעוודאָנים — 139
אהרן קאַרלין — פון רעדאַקטאָר אליין — 143
רעדאַקציאָנעלע נאָטיצן, ליטעראַרישע כראָניק — 144
ביכער דערהאַלטן אין רעדאַקציע.

בילדער: פון יוביליאַר און זיין פאַמיליע, פון יוביליאַר און א גרופּע דיכטער.
א קונסט-בילד פון יעפים ה. שערמאַן.

אברהם רייזען

# ליטעראַרישע רעוויו

צוליב דעם וואָס דאָס זאַמלבוך „פעדער" האָט פאַרשפּעטיקט מיט זיין דערשיינען, האָט זיך אָנגעזאמלט א גרעסערע צאָל ביכער, ביכלעך און ביכעלעך, וואָס יעדעס פון זיי איז ווערט גערימט צו ווערן. איז ניט אזוי די צייט, וואָס עס דאַרף פאַרנעמען, ווי דער פּלאַץ אין דער „פעדער". מיין פריינט, אהרן קארלין, דער איינציקער רעדאקטאר פון דער „פעדער"—האָט מיר געגעבן אָנצוהערעניש, אז דאָס מאָל איז אין „פעדער„ דער פּלאַץ טייערער, ווי אלעמאָל. א רענדל א וואָרט... באשר, האָט ער געזאָגט — און דערביי חנודיק און גוטמוטיק, ווי זיין שטייגער איז, און ניט ווי דער שטייגער פון דאָס רוב רעדאקטוירים — נעשמייכלט — באשר אייך האָט זיך פאַרגלוסט צו ווערן „אלט" זעכציק יאָר און איך מוז אויך האָבן פּלאַץ פאַר אייניקע ארטיקלען טאקע וועגן אייך אליין...

אודאי איז זייער אנגענעם צו הערן מיינונגען וועגן זיך אליין — הגם — טאקע צוליב מיינע זעכציק יאָר — האָב איך זיי שוין נענוג געהערט, פאַרוואָס איך בין דאנקבאר פון טיפן הארצן יעדערן פון די, וואָס האָבן לכבוד מיינע זעכציק יאָר געשריבן. אבער דאָס מאָל — און אפשר אנדערע מאָלן אויך — וואָלט זיך דוקא געוואָלט האָבן מער פּלאַץ פאַר מיינע קאָלעגן — אינגערע און עלטערע, וואָס זייערע ווערק זיינען דערשינען אין דער לעצטער צייט.

וועל איך — צוליב דער אָנגעגעבענער אורזאַך — מוזן זיך באגרעניצן ניט נאָר מיט דער מאָס פון דער רעצענזיע איבער יעדן ביכל אדער בוך, גופא — נאָר אויך מיט דער צאָל פון די ביכער, וואָס איך וועל דאָ רעצענזירן. אין דעם פאַרלאָפענעם יאָר — (עטוואָס מער ווי א יאָר) איז געווען אזא שפע אויף ביכער, וואָס זיינען ווערט צו רעצענזירט ווערן — צו גוטן — אז אין איין „ליטעראַרישער רעוויו" איז עס אוממעגלעך... א צאָל פון די ביכער וועלן מיר איבערלאָזן אויף קומענדיקן העפט „פעדער" — וועט דעמאָלט אויך זיין יום־טוב !...

דאָס ערשטע ביכל איז פון חיים גראַדע, א זאמלונג לידער, אונטערן טיטל „יא". א קורצער טיטל, אבער א זייער לאנג־אָטעמדיקער פּאָעט. אויב ביאַליק איז, לויט בעל־מחשבותעס באמערקונג, געווען א וואונדער אויף וועלכן מען האָט זיך געדאַרפט פאַרטראכטן, איז חיים גראדע — אין דער היינטיקער צייט — נאָך א גרעסערער וואונדער. געבוירן אין ווילנע, ביי זייער ארעמע עלטערן — דערצויגן אין די צייטן פון מלחמה, רעוואָלוציעס און קאנטער־רעוואָלוציעס און פּאָגראָמען, וואָס דאָס האָט געבראכט גוואלדיקע אָרימקייט אויף די אידישע מאסן, הונגער און שרעק — און ער אליין איז דאָס אלץ דורכגעגאנגען — איז זיין גייסט אזוי שטארק, זיין געפיל אזוי טיף און זיין בליק אזוי ווייט און זיין פלי, ווי זיין בליק — אזוי אָדלערדיק.

אודאי האָט חיים גראדע צו פאַרדאַנקען זיין טיפע פאַרוואָרצלטקייט אין דער אידישער טראַדיציע, מעג ער נאָכדעם באפרייט ווערן פון איר — ער איז א תנך־מענטש, א זוהר מענטש און א פילאָסאָף.

עס שטייט נאָך אלץ מיין טאַטנס אלמער
ספרים
אין א ווינקל־חדר :
— — — — — — — — — — —
עס קלערט נאָך אלץ זיין חקירה,
רבנו סעדיה גאון . . .
דער הויקער מענדעלסאָן, דער דייטש,
איז אלץ נאָך פול מיט שירה
און תנך . . .

מיין טאַטע איז געווען א פילאָזאָף . . .
זיין עלטער אבער האָט ער אָפּגעוואָגלט
אויף דער וואַך . . .
— — — — — — — — — — —

אָבער נאָכן טויט — ווי חיים גראַדע זינגט ווייטער אין זיין פאַנטאַסטיש ליד — „מיין טויטער טאַטע" —

קומט ער ניט אין זיינע ספרים בלעטערן
און אויף העברעאיש דענקען, —
ער שפּאַנט אַרום און וויל צעשמעטערן
מיט זיינע פויסטן די פאַרהאַקטע קראָמען,
ווי אַ טייך, וואָס וויל אַ דאַמבע
אונטערשווענקען
און פאַרשלעפּן אין די תהומען...

און דעם קאַמף פאַר זיין באַליידיקטן טאַטן — דער לומדן און פילאָזאָף, וואָס איז געווען אויף דער עלטער אַ וועכטער און געמוזט היטן די רייכע קראָמען — אָט דעם קאַמף פירט שוין זיין זון, וואָס איז אויסער פילאָזאָף — אויך קעמפער — און זיין גרויסער פּאָעזיע, וואָס ווירקט, וועקט און דערהויבט.

ער וויזט אונז די זינד פון דער היינטיקער גרויס־שטאָט, איבערהויפּט אין יענעם טייל פון מזרח אייראָפּע, וואו אונזער דיכטער לעבט און שאַפט. איבערהויפּט אין זיין ליד „סדום".

דאָס איז — דורך ביבלישן בילד — דער מעכטיקסטער פּראָטעסט — קעגן מאָדערנע רשעות, קעגן איינגהערציקן עגאָאיזם — נאַציאָנאַלן, סאָציאַלן און אינדיווידועלן:

הונגער, דו גריזשעסט די אייגענע מוסקולן,
קנעכט —
אַזוי איז דאָס סדומישע רעכט!
— — — — — — — — — — — —
מענטשן דאַרפן נאָר זאָרגן פאַר זיך,
ווי די בוימער,
אַזוי גייט אַ ווערטל ביי סדומער:

וועמען מיפירט צו דער תליה זאָל הענגען,
אַ סדומער זיין וועג גייט — פאַרברענגען...

נאַטירלעך די מאָדערנע וואַרשע, צי אַפילו ווילנע איז ניט סדום, אָבער אַז מען דערמאָנט זיך אין דעם ווערטל פון דעם פּוילישן פּאָליטיקער, אַז אין פּוילן זיינען דאָ דריי מיליאָן איבעריקע אידן — ווירקן דאָך אַזוי שטאַרק און אַזוי אָנגעגאָסן מיט צאָרן און פּראָטעסט און מיט שאַרפסטער איראָניע — די צוויי פערזן אין זעלבן ליד „סדום":

מאַכט זיך אין פעלד אַ געלעגער פון
שטיינער:
סדום איז פאַר סדומער...

זיכער האָט חיים גראַדע ניט געמיינט דירעקט פּוילן. אין פּוילן זיינען דאָ אויך גוטע מענטשן, די פירער פון פּ. פּ. ס, די אַרבעטער מאַסן, איינציקע שרייבער, אַפילו צדיקים און מער אפשר ווי פינף — אָבער פאַר דעם פערז

סדום איז פאַר סדומער —

מוזן זיך די פּאָליאַקן — די „ענדעקן" — דערשרעקן און זיי דאַרפן זיך דערשרעקן. און ניט נאָר די „ענדעקן"! — אין יעדן לאַנד — אויסער סאָוועטן־לאַנד — געפינען זיך היינט אַזעלכע וואָס שרייען, ווען עס קומט צו אידן — אַז סדום איז פאַר סדומער.

פאַרשטייט זיך, עס פעלט נאָך אין ביכעלע „יאָ" אַ ליד, פאַר די, וואָס זאָגן עס ניט — עס פעלט נאָך אַ ליד פאַר די וואָס זאָגן, אַז אַלע זיינען ברידער, און די גאַנצע מענטשהייט איז איין משפּחה—אָבער חיים גראַדע וועט נאָך אויך אַזאַ ליד זינגען, טענער אַזעלכע אין די צענדליקער לידער, וואָס ווייען מיט קראַפט און מיט גוואַלדיקער שירה, און וואָס אָטעמען מיט בערג־לופט — טענער אַזעלכע זיינען שוין דאָ אין די לידער. אין חיים גראַדעס גרויזאַמען פערז קלינגט אָפּ ליבע צו אַלע מענטשן און דראַנג צו פרייהייט און גלויבן אין פרייהייט און אין גליק פאַר אַלע.

און דערפאַר מעג חיים גראַדע — דער וואונדערלעכער דיכטער און דער נייער אידישער מענטש, וואָס איז צוליב גרויס רחמים צו זיינע ברידער און צו מענטשן בכלל אַזוי שטרענג צו די סדומער — מיט רעכט — אין זיין סעריע „יחזקאל" — זיך ווענדן צום פאָלק מיט אָט די פערזן:

מיין פאָלק, די גרויסע ליבשאַפט מאָנט
ניט קיין באַלוינונג.
אַפילו ניט, אַז דו זאָלסט מיר געדענקען.
גרויס צו זיין, דאָס איז מיין שטראָף פון
גאָט און קרוינונג

דאָך בין איך ניט צו טייער אויך דעם קלענסטן זיך צו שענקען...

טייער איז ער זיכער פאַר אונז און ביי אונז, און מיר נעמען אָן זיינע לידער, וואָס ער שענקט אונז — מיט דער גרעסטער פרייד און אָנערקענונג — און מיר גלויבן, אַז חיים גראַדע וועט גאָר אינגיכן פאַר אונז זינגען דאָס ליד פון באַנייאונג און באַפרייאונג.

און אפילו די לידער אין זיין ערשטן ביכל „יאָ" — מוטיקן אונז און קרעפטיקן מיט דעם גרויסן מוט און מיט דער גרויסער קראַפט וואָס שלאָגט פון יעדער צייל, פון יעדן טאָן. אַזוי ווי ער אַליין חיים גראַדע איז געקומען ווי אַ וואונדער מיט זיין שאַפן — אַזוי וועט קומען, ווי אַ וואונדער, דאָס נייע לעבן און די באַפרייאונג פון אַלע פעלקער...

---

ווי גרויס עס זאָל ניט זיין און ווי גרויס עס איז דער פּאָעטישער טאַלאַנט פון חיים גראַדע מיט זיינע פלאַמיק־נביאישע פערזן, איז ער דאָך קיין „בן־יחיד" ניט — אפילו ניט אין ווילנע. דאָרטן ווירקן און שאַפן, ווי גוטע חברים, אינאיינעם מיט אים אַזעלכע זינגעוודיקע און קלינגעוודיקע און דערצו אויך טיפע און אינהאַלטסרייכע פּאָעטן, ווי דער כמורנע־פרייל׳עכער און פריידיקער לייזער וואָלף, דער אַלעגאָריקער און סימבאָליקער אַ. וואָגלער, סוצקאָווער, ש. כהן — פון „יונג ווילנע". אויך זייערע קאָלעגן, פּראָזע שרייבער, די טאַלאַנטפולע אימפּרעסיאָניסטן משה לעווין און ח. שמערקע, האָבן שוין זיך אויסגעצייכנט אַלס בעלעטריסטן.

און צו וואָס זיין אַ בן־יחיד! „איינער איז קיינער". עס איז דאָ אַ גאַנצער כאָר, און יעדער פון די וואָס איז אין כאָר זינגט אַמאָל זיין סאָלאָ און אויב אפילו מען זינגט צוזאַמען — דאָס ליד פון באַפרייאונג, דאָס ליד פון נייער וועלט אָרדנונג, צי אַמאָל דאָס ליד פון ליבע און לעבן — הערט מען סיי ווי סיי יעדע שטים באַזונדער.

אין דעם דאָזיקן כאָר האָבן מיר דערהערט דריי נייע שטימען, יונגע, פרישע דערקוויקנדיקע און דווקא קומען זיי פון רומעניע. מיר מיינען דאָ מאָטעל סאַקציער, ב. שנאַבעל און יאָסל לערנער. יעדער האָט זיין שטים, זיין טאָן און זיין טעקסט, אָבער עס איז אַן עכטע סימפאָניע פון טענער, קלאַנגען, געפילן און אידעען. און ווען מיר דערמאָנען נאָך יעקב שטערנבערג, אַן עכט מאָדערנער—און שוין אַ קלאַסיקער, ווייל דאָס עכטע מאָדערנע איז סיי ווי סיי קלאַסיש, ווי חיים גראַדע איז שוין קלאַסיש — נעמט אונז אָן, אין אונזער צער אויף די אידישן ליידן אין רומעניע—אויך אַ פרייד. און ס׳ווערט מקוים היינעס פערזן „פון מיינע גרויסע שמערצן מאַך איך די קליינע לידער". ווי וואָלטן זיי שוין געשאַפן פון פרייד—אין אַ באַפרייטער רומעניען! גלויבן מיר אַז אויך די באַפרייאונג וועט נאָך קומען.

פאַר ציטאַטן איז ניטאָ קיין פּלאַץ. יעדער וואָס לייענט די רעוויו דאַרף זען קריגן אָט די דערמאָנטע לידער זאַמלונגען, פון די נייע אידישע דיכטער אין רומעניען און לייענען זיי אַלע און אַליין פריידיק איבערראַשט ווערן פון די נייע, פון דער טיף־שלאָגנדיקע קוואַלן. מעג, טיילווייז אין זייערע לידער קלינגען דער טאָן פון צער, קלינגט אָבער נאָך מער דער טאָן פון צאָרן, פּראָטעסט, קעגן דער אָרעמקייט, קעגן דער אונטערדריקונג פון די כלומרשט, דערוויל שטאַרקע. איבריגנס געפינען זיך ביי יאָסל לערנער, למשל, אויך לידער פון פרייד און פון ליבע — גאָר אויף אַ נייעם, נאָך ביז אהער ניט געזונגענעם שטייגער. אויך מוז דאָ דערמאָנט ווערן דער טאַלאַנטפולער פּאָעט זישע באַגיש. זיין ניי ביכעלע לידער „פּאָרטרעטן" איז אַ היבשער שריט פאָרויס אין זיין שאַפן.

די שוין באַקאַנט געוואָרענע פּאָעטן, ווי משה שולשטיין, בונעם העלער אין פּוילן, האָבן אין זייערע נייע קליינע לידער־זאַמלונגען זיך אויסגעצייכנט און שוין דווקא מיט זייערע מונטערע, הגם ווייניקער רעוואָלוציאָנערע מאָטיוון, ווי זיי וואָלטן זיך געוואָלט אָפּרוען, אָנצוקלויבן נייע כחות פאַרן ווייטערדיקן קאַמף — משה שולשטיין דייטעט עס אָן אין זיין הקדמהלע צו דער נייער וואונדערלעך שיינער לידער זאַמלונג „דאָס פייפל אין די בערג". זייער אינהאַלט: נאַטור און דאָרף־סביבה.

...ליגן איצט באַ ביידע זייטן טייך
די טראַטוועס אין שטילקייט און אין רו;
קומט אַראָפּ די לעוואָנע פון דער הויך
און זעצט זיך אַביסעלע צו...

אָבער פאַר ציטאַטן האָבן מיר ניט קיין צופיל פּלאַץ און קיין צופיל צייט — קריגט דאָס ביכעלע און לייענט און האָט הנאה. דאָס זעלבע וועגן בונעם העלערס ניי ביכעלע לידער „אויפן־ווינט". אויך ער פאַרענטפערט זיך אין אַן הקדמהלה, חנודיק געשריבן, אין פּראָזע — פאַר וואָס ער זינגט אין אַזאַ צייט וועגן ליבע. אָבער וואו ניט וואו איז אויך אין די ליבע לידער דאָ דער סאָציאַלער מאָטיוו, לדוגמא:

מיר הויבן די אויגן און שטוינען —
אַזוי פיל פּענצטער אין דער נאַכט —
פאַר וואָס האָט אונזער ליבע
אינערגעץ פאַר זיך נישט קיין דאַך.

אַבי מען מיינט אַז דער פאָלקס־טאָן אין דער נייער פּאָעזיע איז שוין אַנטשוווּנדן.. ביי עכטע טאַלאַנטן הערט ער זיך נאָך און עס באַהנט און באַשיינט דאָס גאַנצע ליד.

---

דערפאַר האָט שוין משה בראָדערזאָן, דער אַלעמאָל שפּילעוודיקער און זינגעוודיקער, אַפילו שטיפנדיקער דיכטער פריידיק איבערראַשט מיט זיין נייער זאַמלונג „פאַרשטעלונגען". אַ כמעט נייע פאָרמע אין דער אידישער פּאָעזיע. אין אויסגעשמידטע, הגם אין בלאַנקע פערזן דורך דיאַלאָגן — האָט ער געגעבן צען פאַרשטעלונגען אויף מאָטיוון פון דראַמע, פּאָעזיע און געשיכטע. די „דיאַלאָגן" געשאַפן, קענטיק פאַר דער בינע — פאַר דעם קליין־קונסט טעאַטער, פון וועלכן משה בראָדערזאָן איז פון די ערשטע שעפער — לייענען זיך אי מיט פאַרכאַפּטן אָטעם אי מיט גרויס עסטעטישן גענוס. דאָ טרעט בראָדערזאָן אַרויס ניט נאָר ווי אַן אייגנאַרטיקער און באַדייטנדיקער פּאָעט, וואָס האָט געשאַפן נייע פאָרמען אין דער פערזן־קונסט בכלל, נאָר אויך ווי אַ דענקער. און אין דער „פאַרשטעלונג" „סלאַווע בענעדיקטע" — ווי אַ פילאָזאָף.

...אַ קינד זעט קלאָר און וואָרהאַפטיק —
דאָס קינד, וואָס טראָגט דעם שם המפורש
פון יונגן בליען און פון וואַקסן
און קומט ניט צום לפנימדיקן ווידערשפּרוך
פון אונטערגאַנג,
אָט דעם קינדס נבואה
גלייכט זיך אויס מיט אינטעלעקט.

באַצויבערנדיק, הגם טיף טרויעריק איז די פאַרשטעלונג וואו די פערזאָנען זיינען היינריך היינע און לאָרעליי. די סטראָפן — שוין געריימט און זינגעוודיק — פאַרכאַפּן אונז מיט זייער שיינקייט און מיט דער ביטערער זיסקייט, וואָס אומעט פאַרמאָגט.

---

מיט אַ וואונדערלעך שיין און מאָדערן געצייכנטער הילע פון באַרימטן קינסטלער יאַנקל אַדלער און מיט אַ פאָרוואָרט פון דעם יונגן און שוין באַרימט געוואָרענעם פּאָעט איציק מאַנגער, וואָס ער אַליין פאַרדינט פאַר זיין שאַפן אַ באַזונדער אָפּהאַנדלונג, כאָטש ער איז אין אַנערקענונג ניט פאַרטיילט געוואָרן ביז אַהער — איז דערשינען אַ קליינע זאַמלונג מיט —אין פלוג — שפּילעוודיקע, אָבער אין תוך טיפע לידער אין גראָטעסק— פון רייזל זשיכלינסקי. יאָ טיף, ניט טיף — שיין זיינען זיי זיכער, און נאָך מער ווי שיין— חנודיק. זיי אָטעמען מיט פרישקייט און יוגנט...

רייזל זשיכלינסקי איז ווי מען רופט עס דאָ ביי אונז — אינזיכיסטיש און אין דער וועלט אינטראָספּעקטיוויסטיש. מ'קען עס אויך רופן עקספּרעסיאָניסטיש, צי אפילו פוטוריסטיש. ווי מען זאָל זיי ניט רופן — די לידער זיינען מלא חן.. ווי אַ לינד ווינטעלע וואָלט געוויעט אויף אונז. דאָס איבעריקע וועגן אירע לידער לייענט מאַנגערס מייסטערהאַפטן פאָרוואָרט.

---

אין אַמעריקע זיינען שוין דאָס יאָר דערשינען וועניקער לידער־זאַמלונגען. דערפאַר צייכנט זיך אויס די קלענערע צאָל מיט אַזאַ הויך־קינסטלערישער זאַמלונג, סיי אין פאָרם, סיי אין סטיל און סיי אין אינהאַלט — ווי „יידישטייטשן" פון יעקב גלאַטשטיין. ס'איז

שווער צו באַשטימען יעקב גלאַטשטיין פּאָעטישן טאַלאַנט — אין זיין הומאָר, אין זיין סאַטירע, אין זיינע טיפע שטימונגען, וואָס אין פלוג דאַרף דאָך אויסשליסן איין אייגנשאַפט די אַנדערע און אין יעקב גלאַטשטיינס לידער — קיין איין טאָן פון דיסהאַרמאָני, קיין איין ווידערשפּרוך. גאַנצקייט, אויסגעהאַלטנקייט און ליריזם אין אַלע לידער. מיר ריידן שוין ניט וועגן דער עשירות פון גלאַטשטיין אידיש, וועגן זיין שאַפן נייע ווערטער, ניט נאָר קונציקע, נאָר טאַקע הויך־קינסטלערישע און מיט טיפן זין.

יעקב גלאַטשטיין רעכנט זיך, ווי זיין חבר א. לעיעלעס, אַלס דער שעפער פון דער נייער אינזיכיסטישער שול. אודאי איז ער אויך אינזיכיסטיש, אָבער ער איז ווייט אַריבער די גרעניצן פון זיין אייגענער שול... ער פאַרפלייצט זי מיט אַלערליי מאָטיוון, מיט אַלערליי בילדערלעכקייט, און געדאַנקען און אידייען, וואָס זיינען שיין אפילו ווען מען ווייסט ניט ווי אַזוי אָט דער מין קונסט, צי יענער מין קונסט הייסט מיטן נאָמען...

גרויס מייסטערשאַפט, טיפקייט און שיינקייט פאַרמאָגט זיין ליד „שמר".

דו, צויבערער, האָסט געשלאָגן דעם
שטיין פון יידיש־לעבן
און עס האָבן געפלאָסן הייסע טרערן פון
וואַרעמע
פון וואַרעמע אומגליקלעכע מיידלעך אויף
דינסט אין דער פרעמד.

ס'איז ניט נאָר א געזאַנג — מיט לירישן הומאָר, און הומאָר, ווי באַקאַנט איז שטענדיק ליריש — ס'איז עפּאָפּיי — אין קליינעם פאָרמאַט — וועגן אַן עפּאָכע. און אַזעלכע לידער, וואו הומאָר, ליריזם, טיפקייט פון געפיל און נייקייט פון שפּראַך גייען צוזאַמען, ניט באַקעמפנדיק איינע די אַנדערע — געפינען זיך לרוב אין יעקב גלאַטשטיין פּרעכטיקן בוך — א בוך, וואָס דער אינהאַלט זיינס שטייגט אַריבער דעם באַשיידענעם הגם קלוגן טיטל: „יידישטייטשן"...

---

טיף ליריש, ביז אינטימקייט — אפילו ווען דער צער איז אַן אַלגעמיינער — קלינגען די לידער פון דעם טאַלאַנטפולן און עפּעס ווי אומזיסט און אומגישט פאַרזעענעם דיכטער אַלטער עסעלין. דאָס פאַרזעען א דיכטער, מיר מיינען זיינע שאַפונגען — איז אַמאָל א צופאַל. אַלטער עסעלין איז ווערט אונזער אַנערקענונג פאַר זיינע לידער ביז אַהער בכלל, און בפרט פאַר זיין נייע זאַמלונג מיטן טיטעל „אונטער דער לאַסט". שוין דאָס ערשטע ליד — ווי א פאָרוואָרט צו זיינע אַלע לידער אין דער דאָזיקער זאַמלונג, פירט אונז אַריין אין דער טיפעניש פון זיין געמיט. זיין געמיט איז אָפּט שווער, אָבער זיינע פיינע לירישע און שיין־געבויטע פערזן מילדערן די שווערקייט. רירנד איז דאָס ליד זיינע, וואו ער דריקט אויס אין טיף לירישע פערזן זיין בענקשאַפט נאָך די קאָלעגן אין ניו יאָרק— צו מאַני־לייב און יוסף ראָלניקן, וועגן וועלכע ער שרייבט גאַנצע לידער און וועגן די אַנדערע וועלכע ער דערמאָנט אין זיין פּרעכטיג ליד „ווי ווייט איך בין"!

זיין פאַרוואָרפענקייט, זיין ווייטקייט פון א ליטעראַרישער סביבה איז אפשר שולדיק אין זיינע — אַמאָל ניט צופיל געשליפטע פערזן. אויך אין די מאָטיוון — שוין אָפּט צו־טרויעריק, צו דירעקט־טרויעריק.

אָבער אַזעלכע לידער, ווי דאָס ליד „סאַלוט צום איינזאַמן", וואָס דערמאָנט אין איר לאַנג־אָטעמדיקייט און קרעפטיקייט אין משה לייב האַלפּערינס שטאַרקסטע לידער — און פילע אַנדערע לידער אין דער זאַמלונג „אונטער דער לאַסט" — „קויפן־אויס", מילדערן שוין דעם צופיל שווערן געמיט פון אונזער טאַלאַנטפולן דיכטער אַלטער עסעלין.

---

א. טאַבאַטשניק, וועמען מיר קענען שוין ווי א נייעם קריטיקער, א שאַצער און אַן איבערשאַצער פון אונזערע ליטעראַריש־שעפערישע ווערטן, מיט א שאַרפער פעדער, מיט א חוש פאַר הומאָר, וואָס דאָס מילדערט אַמאָל דעם שווערלאַכן גזר־דין אויף א מאַנכן פון אים שטרענג געמשפּטן — דער זעלביקער א. טאַבאַטשניק האָט זיך אויך געמאָלדן אַלס פּאָעט, וועמען מיר מעגן שוין משפּטן... (א קריטיקער טאָר מען ניט...) צום גליק דאַרפן

מיר ניט זיין פאַרזיכטיק מיט אונזער קריטיק: דער קריטיקער טאַבאַטשניס איז אויך א פיינער, ראַפינירטער פאָעט.

דער טיטל פון דער קליינער אבער זייער שיין אַרויסגעגעבענער לידער־זאַמלונג „אין שייד“, איז א רמז — אז ער האָט נאָך זיין פּאָעטישן שווערד ניט אַרויסגענומען. אבער די שייד אליין איז זייער שיין. עס איז א שייד אפשר נאָר פאַר א פידל... און ווירקלעך פאַרמאָגט א. טאַבאַטשניקס ערשטע לידער־זאַמלונג — לידער וואָס זיינען ווי אויסגעשפּילט אויף א פידל. צו די געהערן די פיינע איידעלע לידער, וואָס אין דער לעצטער צייט שרייבט מען זיי ביי אונז — און ביי זיי, די אומות העולם אויך—אזוי ווייניק—ווי די לידער „לעוואָנע שיין“, „אוונט“ און אנדערע. ער האָט אָבער לידער, אין וועלכע דער דיכטער האָט אויך היינעס עצה צו א פּאָעט, ניט פאַרנאַכלעסיקט: שלאָג דעם פּויק און האָב ניט קיין מורא. ער האָט אויך סאָציאַלע און רעוואָלוציאָנערע מאָטיוון און די זיינען גאַר שטאַרק און טאַקע ביז שלימות געראָטן.

ער איז אויך קריטיקער אין די לידער. למשל דאָס ליד וועגן מאַני־לייבן. נו, קען זיך מאַני־לייב ווינשן אזא קריטיקער אפילו אין פּראָזע.

דאָס ליד „מאַני־לייב“ איז אַן און פאַר זיך א געזאַנג פון אַן עכטן מייסטער. מיר ציטירן — צוליב אונזער איינענעם און צוליב די לייענערס הנאה, כאָטש דעם לעצטן סטראָף.

נאָר ווען די נאַכט ווערט לויטער און די
לבנה גרויס —
פון זיינע מירמלשלעסער גייט מאַני־לייב
אַרויס;
דער ווינט ווייעט, ווי אין חלום, דינער
שאַרכט דער בלאַט,
אנטקעגן דער לבנה — הויך און שלאַנק
און מאַט.
מיט שטילע טריט פון וואונדער, מיט
זילבער אינם קאָל
שפּינט מאַני־לייב אונז מעשיות, ווי
בלויע בינטן וואָל.

פאַרדריסט אונז אבער, וואָס נאָך דעם־אָ פּרעכטיקן ליד אַן און פאַר זיך — פאָלגט נאָך א ליד „פאַרסם ניט מער“, וואָס איז אודאי שוואַכער אלס פּאָעזיע, ווייל שטאַרק אין כעס. און ווי זאָגט מען עפּעס: יופּיטער ביזטו אין כעס — ביזטו ניט גערעכט. זיכער, דאָס נביאישע ביי דעם פּאָעט, צו וועלכן זיין יונגער קאָלעגע טאַבאַטשניק ווענדט זיך איז אָפּט צו שטרענג און אַן דאָס פאַנטאַסטישע, וואָס לינדערט דאָס שטרענגע מוסרן. אָבער סיי ווי סיי איז דער פּאָעט צו וועלכן טאַבאַטשניק ווענדט זיך מיט זיין ליד—ניט אזא ווי ער מאָלט אים. ער איז איינער פון אונזערע איינגאַרטיגסטע און טיפסטע דיכטער און פאַרמאָגט אויך געניוס ליכטיקע וויזיאָנען.

דאָס ערשטע מאָל פאַרגיבן מיר אים. ווייטער אבער אויב ער האָט עפּעס אויסצוזעצן אין א פּאָעטס שאַפן, אין א ריכטונג, אין א וועלט־אַנשויאונג, איז טאַבאַטשניק ווי שוין אויבן געזאָגט — א קריטיקער אין פּראָזע... אין ליד אבער, מעג מען — מיט גאָר קליינע אויסנאַמען — נאָר באַזינגען. אַרונטעררייסן איז ניט פאַר פּאָעטן, נאָר טאַקע ווידער — פאַר פּראָזאַישע קריטיקער. ניט אַלץ וועגן וואָס מען שאַפט אין פּראָזע איז אויך מאַטעריאַל פאַר א ליד. א ליד איז א ניגון, און טאַבאַטשניק ווייסט דאָס אליין גאַנץ גוט, סיי אלס נייער קריטיקער, און סיי אלס טאַלאַנטפולער און ראַפינירטער פּאָעט...

---

„היינט ווי אַמאָל“ — איז די ערשטע לידער־זאַמלונג, פון דעם וואָס דער טאַלאַנטפולער דיכטער א. בערנער האָט ביז אהער געשאַפן.

א געזאַמלטער — זעען מיר קלערער דעם מהות פון א. בערגערס ביז אהעריקן שאַפן. לויטער ליריש, שטימונגספול איז אבער א. בערגער א פּאָעט פון דער נייערער צייט. אויב ניט אלס סאָציאַלער דיכטער — דירעקטע סאָציאַלע מאָטיוון האָט ער כמעט ניט באַרירט — איז אלס מאָדערנער אין פאָרם. ער איז—נאָך די „יונגע“ אין אַמעריקע — אוועק זיין איינענעם „יונגן“ וועג. ער איז אויף זיין אופן אָריגינעל.

ער איז א פּאָעט פון נאַטור און פון שיינקייט בכלל—מ׳קען זאָגן—א פּאַרנאַסיסט. עס קלינגט אַלט, אבער די מאָטיוון זיינען אייביק ניי. און אז די גוטע און רואיקע צייטן וועלן אָנקומען וועלן אזעלכע לידער ווי א. בערגער זינגט — באַקומען נאָך מער אנערקענונג.

און היינטצייטיקייט געפינט זיך אויך אין א. בערגערס שטילע אבער זייער שטימונגספולע לידער, וואָס ווירקן אויף אונז אמאָל מער, ווי מאַנכע שטורמדיקע לידער.

דאָ אין בבל־טורעס פון אונזערע טעג
וואָלקן־מויערן פון ניו־יאָרק —
דאָ פאַר די אפיס־פענצטער,
טיש און ווייס פּאַפּיר,
וואו טאָג נאָך טאָג
מיין מי
ווי די וואַסערן פון טייך
אין שטורעמדיקן ים — פאַרפאַלן!

לירישע, שיין און צייטלעך, און אפילו סאָציאל! אן אמתער דיכטער מוז דערפילן די צייט מיט אירע איבלען און מיט אירע האָפענונגען.

און אין א. בערגערס ביכל לידער פאַר אלע צייטן קען א פילענדעס האַרץ און אויפהאָרכענדיקער אויער — געפינען צייט־עכאָס און סאָציאַלעס דערהערן און פאַרנעמען.

א. בערגערס עלעמענט איז אָבער מער די פּאָעטישע אידיליע, אָן דעם צומיש פון אלטעגלעכן. ער זינגט נאָך אפילו פון זיין אייגנעם שטערן. וועגן זעלביקן שטערן האָט אפשר אויך געזונגען א פּאָעט מיט הונדערטער יאָרן צוריק ווי אברהם אבן עזרא, און שפּעטער א היינריך היינע און ס׳וועלן זינגען אנדערע פּאָעטן אין הונדערטער יאָרן שפּעטער. יעדער אויף זיין שטייגער און ס׳וועט קלינגען ניי און שיין און אויפריכטיק — די אייביקע מאָטיוון, ביי יעדערן — אויף זיין אייגענעם שטייגער:

אונטער מיין שטערן
מיין ווינקל, מיין וועלט;
אין ליכטיקע דורות
אוונט־בלוי העל...

אין ליכטיקע רינגען
און שטראַליקער קייט,
דורך פלאַמיקע רוימען
מיין שטערן־ליכט גייט.

איין גאָלדיקער בויגן
וועלט איין און וועלט אויס;
דורך מילך־וועגן, תהומען —
אריין און ארויס...

און אָט דאָס ליד פון א. בערגער קען דינען ווי א מאָטאָ צו דעם גרעסטן טייל פון זיינע פּאַרנאַסיסטישע און אָפּטמאָל אויך פאַנטעאיסטישע לידער — היינט צו טאָג — אן אייגנאַרטיקער צושטייער צו אונזער רייך־צעבליטער פּאָעזיע.

---

וואָלף יונין — יונגער און נייער און טאַקע בלויז סאָציאַל און רעוואָלוציאָנער. יעדעס ליד אין זיין ערשטער זאמלונג „לידער" רוישט, שוימט און גיסט זיך איבער די ברעגן. דאָס אידילישע פעלט נאָך אין זיין ליד. ער איז צו שטורמיש, אבער אין אָט דער שטורימסקייט פון זיין יונגן געמיט איז ער ערשט אינטערעסאַנט, פאַרכאַפּנדיק, און ווירקט אויף דעם לייענער מיט זיין טעמפּעראַמענט.

אין דעם ליד, וואָס שליסט דאָס בוך „ס׳איז נוט אזוי" זינגט ער:

ס׳איז גוט אזוי און ס׳וועט נאָך בעסער זיין
ווען ס׳וועט מיין קלאַס קיין שונאים
ניט פאַרמאָגן.
דאַן וועל איך אנשטאָט דעם האַס, וואָס
איך טראָג אריין
אין ליד—אויף יעדן ליפּ פון וואָרט —
די ליבע טראָגן.

אָבער ווי אזוי קען מען ליבע אָפּלייגן אויף שפּעטער?...

איבריגנס זיינען אין וו. יונינס ערשטע לידער־זאמלונג אריין בלויז א טייל פון זיינע אלע ביז־אהער געשאַפענע לידער. מיר ווייסן נאָך פון לידער זיינע, וואָס זיינען צעשפּרייט אין פאַרשיידענע צייטשריפטן, וועלכע פאַרמאָגן אנדערע מאָטיוון, ריין לירישע און אויב אויך יענע זיינען מיט סאָציאַלן הינטערגרונט

זיינען זיי אבער מער זינגעוודיק. סיי ווי סיי איז וו. יונין איינער פון די פיל־צוזאגנדיקע יונגע אידישע פּאָעטן דאָ אין אמעריקע.

---

אין פארלויף פון דעם פּאָריקן יאָר זיינען דערשינען אייניקע ווערק אין פּראָזע, וואָס האָבן די אנטוויקלונג פון דער אידישער ליטעראטור א שטויס געטאָן אויף יאָרן פּאָרויס... עס איז ממש צו שטוינען אויף דער שפע פון נייע בעלעטריסטישע טאלאנטן און ווערק! אין דער פרייד פון דער שפע מישט זיך אריין דער צער פון דער גלייכגילטיקייט פון דער קריטיק און פּאָלגלעך פון לייענער צו אזעלכע ווערק און צו די שעפער פון די ווערק.

מ. בורשטינס „גורל" — ראָמאָן פון דער לעצטערער צייט פון דעם לעבן אין פּוילן — דאָס צווייטע גרויסע ווערק פון טאלאנטפולן בעלעטריסט — איז מער ווי א ראָמאָן אין געוויינלעכן זין. ס'איז א פּאָעמע אין פּראָזע און אפשר טאקע — אן עפּאָפּיי. דער הויפּט העלד אן אסימילירטער איד, און ער איז ניט דער איינציקער אסימילירטער אין דער צאָל פון די האנדלדיקע פערזאָנען אין ראָמאָן, רירט אונז מיט דער טיפער טראַגיק... אין לירישע שטריכן, אין מינארנעם טאָן — ווירקט דאָס בוך אויף אונז ווי א סימפאָניע.

מיר ווילן ניט איבערדערציילן דעם „אינהאלט" פון זינגעוודיקן און אומעטיק קלינגענדיקן בוך—ניט צו איבערייסן דערמיט די שיינקייט פון דאָס גאנצע. און ס'איז טאקע שווער איבערצוגעבן די גאנצע „פּאַבולע"... די שיינקייט איז אין יעדן דעטאל! און דעטאל מיט דעטאל איז באהעפט מיט דער האַנט פון א קינסטלער. עס איז א בוך, וואָס נאָכן איבערלייענען עס, ווערן מיר טיף פארטראכט און דאַן קומט ערשט דער וואונדערלעכער נאָכקלאנג, וואָס רוישט אין אונז און ארום אונז, ווי א טיף־טרויעריקע מעלאָדיע...

---

צו די ראָמאנען, וואָס זיינען דערשינען די לעצטע צייט אין פּוילן און וואָס פארדינען אונזער אויפמערזאמקייט, געהערט דער גרויסער ראָמאַן פון, ווי אונז דאכט זיך אן אָנפאנגער, לייב דאשקין. דער טיטל פון ראָמאַן „די מענטשן פון גאָדלבאזשיץ", פארלאג „יידישע אוניווערסאל ביבליאָטעק". דער ראָמאַן פון קרוב צו 600 זייטן אימפּאָנירט שוין מיט זיין קוואנטיטעט, אבער די קוואליטעט שטייגט איבער די קוואנטיטעט. ניט געקוקט, וואָס דער סטיל און די פּאָרם בכלל — ניט קיין מאָדערנע, איז אבער די שפּראך רייך און בילדלעך און מיט כאראקטער. די האנדלונג איז זייער שפּאנענד, און די פערזאָנען לעבעדיק געשילדערט. אנדערע פון זיי — טיף פּסיכאָלאָגיש.

אין בוך פעלט אויך ניט קיין הומאר, הגם די סאטירע געוועלטיקט דאָ איבער דעם הומאָר. דער טאלאנטפולער אויטאָר פירט אונז פארביי א גאנצע שטאָט „גאָלדבאָזשיץ" מיט אלע אירע פּאָזיטיווע און נעגאטיווע — מער נעגאטיווע העלדן. דאָס וואָס די האנדלונג קומט פאָר באלד נאָך דער מלחמה צייט — מאכט עס נאָך דאָס בוך אינטערעסאנטער. אין דעם בוך פעלט דער חן פון צמצום, וואָס מ. בורשטינס ראָמאַן „גורל" פארמאָגט. אויך דער ליריזם פון מ. בורשטין — דערפאַר קויפט ער אוים מיט דער ברייטקייט פון דער שילדערונג. מ. בורשטין איז מער מאָדערן, מער נייער איד (און מענטש) — לייב דאשקין — איז אדרבא שוין שטארק איינגעוואָרצלט אין אידישקייט. סיי אין זיין אופן פון שילדערן, סיי אין זיין טאָן פון דערציילן. די דאָזיקע צוויי ראָמאנען — לייב דאשקינס „גאָלדבאָזשיץ" און מ. בורשטינס „גורל" דערפולן איינע די אנדערע. ביידע פארדינען ליבע און גרוים אויפמערקזאמקייט פון אונזער קריטיק און דער עיקר — געלייענט צו ווערן פון א גאָר גרויסער צאָל לייענער און ניט דווקא פון ליבהאָבער פון ראָמאנען, נאָר אויך פון די וואָס זיינען מבינים אויף גוטע ביכער בכלל.

---

„ביי דער וועלט צו גאסט" איז דאָס ערשטע בוך, וואָס דערשיינט פון נייעם טאלאנטפולן יונגן שריפטשטעלער ש. טענענבוים — א נאָמען, וואָס איז שוין באקאנט און אפילו בארימט צווישן די ליטעראַרישע קרייזן און וואָס פארדינט צו באקומען זיין פּאָפּולאַריטעט ביי די ברייטסטע לעזער־קרייזן.

ש. טענענבוים איז, ווי מאַקסים גאָרקי אין זיין ערשטן פּעריאָד — אַ ראָמאַנטיקער, אָדער ריכטיקער אַ נעאָ־ראָמאַנטיקער.

פּאָעט אויך אין פּראָזע — האָבן זיינע דערציילונגען און בילדער אַן עלעגישן אָפּקלאַנג. עלעגיש, אָבער ניט פּעסימיסטיש. פאַרקערט, זיין עלעגישער טאָן פאַרמאָגט אַ נאָכקלאַנג פון גלויבן אין בעסערס און שענערס און געזינטערס... סיי ווי סיי דערקוויקט ער אונז — אפליו מיט זיין עלעגישן טאָן, ווי מיט אַ שטאַרקן וויין.

דערצו נאָך דאָס סאָציאַלע, דער פּראָטעסט, דער עכט נביאישער, וואָס שלאָגט אַרויס ספּאָנטאַניש פון ש. טענענבוים כמעט יעדער דערציילונג (ער רופט מאַנכע דערציילונגען רעפּאָרטאַזשן, אָבער צו וואָס ער רירט זיך צו מיט זיין גאָלדענער פּען — ווערט דיכטונג) מאַכט די ערשטע זאַמלונג ש. טענענבוימס אויך נאָענט פאַר אונזער צייט — ווי למשל די דערציילונג „צוריק אַהיים“, „לוסיל“ און אַנדערע.

אָבער ס'איז ניט נאָר די דערציילונג — דער עיקר דער סטיל, די גוואַלדיקע שיינקייט פון די בילדער, די טיפע שטימונג, און טאַקע די טיפקייט פון געדאַנק און געפיל, וואָס האַרמאָנירט אַזוי — ווי אין דער שילדערונג „די מעלאַנכאָלישע פּאַלאַצן“, וואָס אַזוינס איז זייט היינריך היינע פון קיינעם ניט געשריבן געוואָרן, סיי אין שיינקייט פון סטיל, סיי אין טיפקייט פון שטימונג און סיי אין דער בילדלעכקייט. מיט איין וואָרט — אַ נייע הערלעכקייט און נייע שיינקייט אין דער נייער אידישער ליטעראַטור. און ש. טענענבוים וועט נאָך שאַפן. ער איז נאָך יונג און פול מיט שאַפונגס־לוסט און מיט גרויסע ליטעראַרישע פּלענער אויף להבא.

דערווייל באַגריסן מיר אים — און אויך אַלע ליבהאָבער פון נייע ווערטן אין דער אידישער ליטעראַטור — מיט דעם דערשיינען פון זיין ערשטן בוך. אַ זאַמלונג פון זיינע אַנדערע זאַכן, וואָס זיינען צעשפּרייט אין פילע צייטשריפטן, פון דער וואַרשעווער נייע „פאָלקס־צייטונג“ ביז „נויאָרקער וואָכנבלאַט“ — וואָס די פאַרערער פון זיין וואונדערלעכן טאַלאַנט און זיינע פּערזענלעכע גוטע פריינט פּלאַנעווען — וועט ערשט ווייזן ש. טענענבוימען אין נאָך גרעסערן און נאָך הערלעכערן פּאָעטישן ליכט און אין זיין גרויסער שעפערישער קראַפט.

---

דער פאַרלאַג „מתנות“, ביים שלום־עליכם פאָלקס־אינסטיטוט, וואָס האָט שוין באַרייכערט די ליטעראַטור פאַר קינדער און פאַר יוגנט — האָט דאָס מאָל זיך אַליין איבערטראָפן מיט דעם אַרויסגעבן דאָס בוך „טאָלי און טאָבי“, פון י. מעצקער. עס איז ניט נאָר אַ געשעעניש אינם פאַרלאַג „מתנות“ אַליין, נאָר אויך אין דער אידישער ליטעראַטור. אַ בוך פאַר קינדער און יוגנט — איז עס אַ וויכטיקע שאַפונג בכלל. דאָס בוך קען זיך מעסטן אין שיינקייט פון דעם ספּור המעשה גופא און אין שפּאַנונג ביים לייענען — ביז אָטעם פאַרכאַפּונג — מיט דעם וועלט־בוך ראָבינזאָן קרוזאָ. דערצו די פליסיקייט און אויך בילדלעכקייט און פרישקייט פון דער שפּראַך, די וואונדערלעכע דעטאַלן, און טאַקע דער העלד טאָלי און די העלדין טאָבי, זייער אינערלעכע שיינקייט, זייער מוטיקייט וואָס איז אי געשילדערט אי געצייכנט פון אַן עכטן קינסטלער — שטעלט דאָס בוך אַוועק אין איין ריי מיט די שענסטע קלאַסישע ביכער פון דעם מין אין דער וועלט־ליטעראַטור, און אין דער אידישער אודאי.

עס קומט אַנערקענונג דעם יונגן טאַלאַנטפולן י. מעצקערן פאַר זיין הערלעכער שאַפונג, וואָס איז אַ פרייד פאַר קינדער און יוגנט און אַפילו פאַר אונז דערוואַקסענע אַן אָפּפרישונג, און עס קומט אַ דאַנק דעם פאַרלאַג „מתנות“ פאַר דעם אַרויסגעבן דאָס בוך בכלל און פאַר דער פּראַכטפולער אויסגאַבע בפרט.

נ. פרידלענדערן, דעם אילוסטראַטאָר קומט גרויס אַנערקענונג פאַר די העכסט געלונגענע און פּאַסיקע אילוסטראַציעס צום דאָזיקן וואונדערלעכן בוך, וואָס איז אין דער אידישער ליטעראַטור איינציק אין זיין מין.

---

דער חלום פון אַ פרוי, ראָמאַן פון אסתר זוסמאַן, וואַרשאַ, 1937 — איז אויסער וואָס דער ראָמאַן באַקאַנט אונז, אינדירעקט, מיטן לעבן אין פּוילן ביים סוף פון דער וועלט־

מלחמה און מיטן לעבן נאָך דער מלחמה, האָט אויך אנדערע וויכטיקע און ווירדיקע מעלות.

ערשטנס, די נאַטירלעכקייט פון דער שפּראַך, די לייכטקייט און איידעלע אויס־דרוקס־מיטלען, וועלכע די באַגאַבטע בעלעט־לעטריסטן אסתר זוסמאַן געפינט אויס, ווען עס קומט אפילו אויס צו שילדערן א ליבע־סצענע, צי א ליבעס־געפיל. דער עיקר אבער דאָס פיינע שילדערן פון דער סביבה. מיט א חוש פון א פיינערער באַאָבאַכטונג —באַמערקט און דערזעט די ראָמאַניסטן אסתר זוסמאַן דאָס וואָס איז וויכטיק צו פאַרצייכענען.

אסתר זוסמאַן איז אויך פּעאיק צו שיל־דערן געשטאַלטן און טיפּן. איין טיפּ אזא — מאַדאַם גרינפעלד — איז באמת מייסטער־האַפט געמאָלן, אויך די הויפּט העלדין פון ראָמאַן — רייזל — א טיף־ליידנדיקע פּערזאָן, וואָס נאָך אלע קאַמפן אירע ענדיקט זי איר לעבן אזוי טראַגיש — א סך צוליב מענטש־לעכע גלייכגילטיקייט און אפילו רשעות — איז געמאָלן רירנד ביז גאָר...

ממש דערגרייפנד זיינען יענע קאַפּיטלען, וואו אסתר זוסמאַן שילדערט דעם גיהנם, וואָס די העלדין פון ראָמאַן האָט אויסגע־שטיין ביים באַקומען די וויזע צו פאָרן קיין אמעריקע. און נאָך אלע לויפעניש, טעג, וואָכן, חדשים און איבער א יאָר — זאָגט מען איר אָפּ — צוליב א דריידל אין געזעץ, צוליב א נישטיקער פאָרמאַליטעט.

„דער חלום פון א פרוי" איז א בוך, וואָס יעדער וואָס האָט אן אינטערעס אין דעם לעבן פון אונזערע עלנד פאַרבליבענע שוועסטער אין דער היים — אין פּוילן — מוז עס לייע־נען. דאָס בוך איז ניט נאָר ערלעך און עכט, נאָר איז א וויכטיק־מענטשלעכער דאָקומענט; עס איז אויסער דעם א כראָניק פון א שווע־רער, טרויעריקער צייט אין דעם לעבן פון אונזערע ארעמע פאָלקס־מאַסן אין פּוילן.

---

ז. סקאַלאָווס פּאַלעסטינע דערציילונגען אונטערן אלגעמיינעם טיטל „ווייסע הענט", איז א נייס אין דער אידישער ליטע־ראַטור. ז. סקאַלאָוו דערציילט פון ארץ־ישראל לעבן מיט א גאַנץ פרייליכן אבער נענונג וואַכעדיקן טאָן. די מענטשן וועלכע ער מאָלט און וועגן וועלכע ער דערציילט, זיי־נען געקומען אהין ארבעטן, ווי מען קומט ארבעטן אין א יעדן לאַנד, ווען אינדער־היים איז קיין ארבעט ניטאָ. אודאי פילט זיך אין יעדן בילד, אין יעדן דערציילונג — ארץ־ישראל לופט. אבער סקאַלאָוו זעט די ביידע זייטן. ער זעט דעם ארבעטער און דעם אר־בעטסגעבער, דעם אידשן בעל גוף פון א פּרדס... די שענסטע דערציילונג אין דעם בוך איז די לעצטע. זי הייסט טאַקע אויפן נאָמען פון גאַנצן בוך „ווייסע הענט"... ווירקלעך א פּרעכטיקע זוניקע דערציילונג. דער העלד, דער האַרעפּאַשנער, בונדיסט קאַהאַן און יהודית, א היימיש מיידל, וואָס ווערט דאָ אין דער קבוצה א וועשערין זיינען געמאָלן מיט עכט קינסטלערישע שטריכן. עס פילט זיך ארץ ישראל זון איבער זיי.

ווירקלעך — א פריידיק געוועזן צו לייענען דאָס דאָזיקע ביכעלע, וואָס איז געשריבן אָן פּאַרטייאישע קונצן, אבער מיט עכטער וואַ־רעמער באַציאונג צו מענטשלעכער ארבעט און מענטשלעכע ליידן און פריידן אויף א נייעם באָדן, וואו זיי ווילן אויפשטעלן זייערע פריי־לעכע געצעלטן...

---

מ. חסיד, „פאָרמען אין ברען", דערציילונ־גען. מ. חסיד איז אויך א נייער נאָמען אין דער נייער אידישער ליטעראַטור. אויך אים קומט א ברייטער ברוך־הבא. אן עכטער טאַלאַנט, מיט אן אויג, וואָס זעט, מיט א האַרץ, וואָס פילט און מיט א פיינעם טיפערן הומאָר, א הומאָר וואָס דערמאָנט אין א. מ. פוקסעס הומאָר אין זיינע בעסטע דערציילונגען. אויסער הו־מאָר פאַרמאָגט אבער מ. חסיד אויך פּאַטאָס, און דערצו א באַזונדער צוגאַנג צו נאַטור־בילדער, וואָס זיינען אבער איינגעוועבט און איינגעפלאָכטן אין דער סיטואַציע גופא און וואָס שטימט מיט דעם געמיט פון דעם העלד פון דער צי יענער דערציילונג.

א גוואַלדיק שטאַרקן איינדרוק מאַכט אויפן לייענער די דערציילונג „מאָביליזאַציע". זי איז געשריבן מיט גרויזאַמער רעאַליטעט, אבער הינטער דער גרויזאַמקייט לויערט ארויס די ליבשאַפט און דער רחמים־געפיל צו דער ארע־

מער העלדין סענקע. מיר קענען זיך ניט דערלויבן צוליב מאנגל אין פּלאַץ, געבן אייניקע אויסצוגן פון דער דאָזיקער וואונדערלעך־קינסטלערישער, טיף דערשיטערנדיקע דערציילונג.

מיר מאכן אויפמערקזאם דער אידישער קריטיק אויף א נייעם באדייטענדן טאלאנט — אויף א פיל־צוזאָגענדיקן בעלעטריסט מ. חסיד. זיין ערשטעם ווערק „פּאָרמען אין ברען" מוז באמערקט ווערן. פארשוויגן — ווי עס פּאַסירט אמאָל ביי אונז — אזא טאלאנט, וועט שוין זיין א הימל־שרייענדיקע עולה. גלויבן מיר אז די עולה וועט ניט געשען!

---

— נחמן מייזיל האָט נעבעך צו זינגען און צו זאָגן פון זיינע ליטעראַרישע קעגנער. אזוי ווי ער איז דער רעדאקטאר פון די ליטעראַרישע בלעטער — א וואָכנשריפט, וואָס איז שיר ניט דער „אָפּיציאָז" פון דער אידישער ליטעראַטור, איז דאָס אודאי פארשטענדלעך. אמת, נחמן מייזיל אליין, מער א רעגיסטראַטאָר, ווי א דעה־זאָגער אין דער פירונג פון דער אידישער ליטעראַטור, און וואָס וויל זיין—און איז דאָס רוב—אומפּארטייאיש, פּאָרדינט א בעסערע באַציאונג פון זיינע חברים און קאָלעגן — עסייאיסטן און קריטיקער. אָבער אזוי איז שוין אין אונזער וועלטל. צו באלידיקן אומזיסט און אומנישט — אויף דעם געפינען זיך ביי אונז גענוג בעלנים.

אבער נחמן מייזיל גייט זיך זיין וועג — און דוקא אָן א שטעקן... זיין פעדער איז מילד. ער האָט ליבע צו דער אידישער ליטעראַטור. אמת, צו אנדערע שעפער — מער, צו אַנדערע ווייניקער, אבער ער פרייט זיך מיט יעדער מער ווייניקער פּאָזיטיווער דערשיינונג אין דער אידשער ליטעראטור.

איצט איז דערשינען פון אים — פון נ. מייזיל — א בוך „אויף אונזער קולטור פראָנט" — א זאמלונג פון ארטיקלען און עסייען, מיט דעם אונטערטיטל: „פּראָבלעמען פון ליטעראטור און קולטור־שאַפן", און דאָס בוך לייענט זיך מיט גרויס אינטערעס. דער טאָן איז ווירדיק, הויך ליטעראַריש און אין א גרויסער צאָל ארטיקלען, וואָס דאָס בוך פון איבער דריי הונדערט זייטן — פּארמאָגט

— געפינען מיר שיינע געדאנקען וועגן אונזער קולטור און ליטעראטור און וועגן די שרייבער און טוער אליין. בכלל איז נ. מייזילס בוך „אויפן קולטור פראָנט" א וויכטיקער בייטראג צו דער געשיכטע פון דער אידישער ליטעראטור. דער געערטער שריפשטעלער און קולטור־טוער באַרירט אין פילע ארטיקלען און עסייען זייער וויכטיקע פראגן און פרואווט אפילו אויף מאנכע פראגן געבן ענטפערס. דאָס לעצטע איז אודאי א גרויסע מעלה. דאָס רוב פון אונזערע פּובליציסטן האָבן א טבע צו שטעלן די פראגן... ענטפערן, צי פארענטפערן א פראגע—דאָס לאָזן זיי איבער צו דעם לייענער. נ. מייזיל מיט זיין איבערגעבנקייט צו דער אידישער ליטעראַטור, צום אידשן וואָרט—זוכט אויך ענטפערס און לייזונגען אויף געוויסע ליטעראטור פראגן און פּראָבלעמען און אָפּט געלינגט אים צו געפינען. אונזער אנערקענונג דעם אויטאָר — נ. מייזילן — פאר דעם דאָזיקן וויכטיקן בוך „אויפן קולטור פראנט".

---

— שלמה ביקעל אין זיין זאמלונג עסייען אונטערן טיטל „אינ־זיך און ארום־זיך" — איז שוין אויסער עסייאיסט און קריטיקער, אויך שארפער פּאָלעמיסט. דאָס אונטערקעפּל פון זיין אינטערעסאנטן בוך דייטעט עם טאקע אָן: נאָטיצן פון א פּאָלעמיסט און קריטישע באמערקונג. ס'פארשטייט זיך — עסיי שליסט ניט אויס קיין פּאָלעמיק. אויב זי איז נאָר געפירט אין ווירדיקן טאָן, אויב ניט הייסט עס שוין „פעליע־טאָן". אבער סיי ווי סיי — שלמה ביקל איז א טאַלאַנטפולער שריפטשטעלער, מיט טעמפּעראמענט און דער עיקר מיט אייגענע און נייע אָנזיכטן און מיינונגען.

אליין א רומענישער איד און באַרירט טאַקע פיל די אידישע שעפער פון רומעניען, ווי איציק מאנגער, יעקב שטערנבערג און אליעזר שטיינבאַרגן—איז ער אבער א קריטיקער וועגן און פאר דער אלוועלטלעכער אידישער ליטעראַטור. זיין עסיי וועגן י. ל. פּרץ און זיין פּאָלעמיק מיט משה גראָס וועגן יענעמס אומגינסטיקע מיינונג וועגן פּרצן—זיינען שטאַרס, בילדליך און איבערצייגנדיק. אמת, זיינע פארגלייכונגען — איין שרייבער מיט א צווייטן — האלטן ניט אלע מאָל אויס די קריטיק —

אָבער בדרך כלל איז שלמה ביקל א ליטעראטור־קריטיק. מיט א נייעם בליק — דערזעט ער אין די קלאסיקער דאָס נייע און זייער איינפלוס אויף די מאדערנע. זיין באַגייסטערונג פאר אליעזר שטיינבארגן קלינגט שוין עטוואָס מיט לאָקאל פאטריאָטיזם. אבער די ארט און ווייזע, ווי אזוי ער פאסט אויף שטיינבארגס שאַפן איז ניי און העכסט אינטערעסאנט.

אין אלגעמיין איז שלמה ביקל א נייע קראפט אין דער אידישער קריטיק און זיין בוך „ארום זיך און איבער זיך" — א דערפרייענדיקע דערשיינונג אין דער אידישער ליטעראטור. ער דארף נאָר באהערשן זיין צו שטארקן טעמפעראמענט, און ביים שאפן זיינע עסייען — באקומען די קינסטלערישע רו. זיין דינאַמישקייט שטערט אביסל די גלאטקייט פון זיין רייכער שפּראַך און שיינעם, נייעם סטיל.

---

— מנחם ריבאַלאָוו, איז צופיל העברעאיסט און צייטנווייז צו קעגנעריש צו אידיש — פונדעסטוועגן שיצט אים זיין באגאבונג ניט צו מאכן אפילו אין זיין וואָכנשריפט „הדואר" קיין צו גרויסע אטאקעס אויף דער אידישער ליטעראטור. ער גלויבט אויך קעגנטיק אין אידיש, אין דער אינטעליגענץ פון אידיש לייענער און קומט אָפּט אין מאָנאטשריפט „צוקונפט" מיט א פיין־געשריבענעם ארטיקל וועגן א וויכטיקן העברעאישן דיכטער, צי שרייבער. כאָטש ער טוט עס כדי צו ווייזן די גרויסקייט פון העברעאיש פאר אונז אידישע אידן — טוט ער עס אבער מיט ווירדע. ליבע מאכט א מענטשן שיין און ריבאלאווס ליבע צו דער העברעאשער ליטעראטור איז באמת רירנד און אזוי ווי ער איז אין זיינע קריטיקן אין אידיש וועגן העברעאישע דיכטער גענוג טאקטיש — איז ער באמת ווערט אנערקענונג פאר זיין בוך „דיכטער און שאַפער פון ניי העברעאיש", א זאמלונג פון קריטיקן, וואָס זיינען אין זייער צייט געווען פארעפנטלעכט אין „צוקונפט". זיין אידישער סטיל איז ווירדיס, קאָרעקט און אפילו מיט א געוויסן חן און צויבער. ער פארמאָגט די זאפטיקייט פון אוקריינער אידיש. און סיי ווי סיי — אויב א העברעאיסט קען אזוי שיין אידיש שרייבן, איז ער אין די פארבאָרגנסטע ווינקלען פון זיין הארצן — א ליבהאָבער פון אידיש.

בפרט אז דער גרעסטער טייל פון די דיכטער און שרייבער וועגן וועלכע ריבאלאוו שרייבט אין זיין בוך — זיינען טיילווייז אויך ג'עווען און אנדערע זיינען נאָך אויך איצט, ווי ז. שניאור, טיילווייז יעקב פיכמאן—אידישע שרייבער, איז דאס אודאי פאר אונז אן אָנגעלייגט בוך, און א וויכטיקע מתנה פאר דער אידישער ליטעראטור. איניקע אָפּהאנדלונגען ווי וועגן גרשון שאפמאן, עגנון זיינען באמת טרעפלעך. איבערהויפּט וועגן שאפמאנען — וועלכן אויך די וואָס לייענען נאָר אידיש קענען אים פון א בוך דערציילונגען, וואָס זיינען פון אנדערע און פון גרויסן נאָוועליסט אליין — איבערזעצט געוואָרן אין אידיש. אויך איז די אָפּהאנדלונג וועגן דוד פרישמאן שטארק געלונגען און בכלל ווייזט ריבאָלאוו ארויס גרויס פארשטענדעניש ניט נאר פאר די שאפונגען פון די דיכטער, נאָר אויך פאר די דיכטער אליין; ער באנעמט זייער לעבן און זייער פערזענליכקייט. אין דער אידישער קריטיק ניט אזא אָפטע דערשיינונג.

---

— עס זיינען שוין דערשינען די ערשטע צוויי רייי זאמלביכער, וואָס עס גיבן ארויס און רעדאקטירן די צוויי בארימטע שריפטשטעלער און דיכטער י. אָפּאטאָשו און ה. לייוויק.

עס איז באמת א שאָד, וואָס אין דעם העפט „פעדער" בלייבט אונז ניט קיין פּלאץ צו רעצענזירן אפילו די וויכטיקערע און גרעסערע ווערק, וואָס די צוויי זאמלביכער פארמאָגן. עס איז נאָר א פארגיטיגונג, וואָס צו די צוויי „זאמלביכער", האָט די קריטיק ניט נאָר געשענקט איר אויפמערקזאמקייט, נאָר אויך איר לויב און אָנערקענונג. עס פארשטייט זיך, אז עס זיינען אריין אין די צוויי ביכער בייטראגן פון מער העכערע און וועניק העכערע ליטעראריש און קינסטלערישע מדרגות.

אין אלגעמיין אָבער זיינען שוין די צוויי זאמלביכער דערמיט אליין באדייטנדיק, וואָס עס זיינען אין זיי פארעפנטלעכט געווארן

גאַנצע ווערק, וואָס אין אַנדערע זשורנאַלן און צייטשריפטן וואָלט פאַר זיי, צוליב זייער קוואַנטיטעט אַליין, קיין פּלאַץ ניט געווען. אויך די גאַנצע סעריעס לידער פון די שוין־באַרימטע און אַנערקענטע דיכטער אָנהויבנדיק פון דעם קלאַסיקער, דעם אומפאַרגעסלעכן יהואש און זיי צו לאַנגע יאָר, פון דעם מאָדערנעם י. י. סיגעל, פון יוסף ראָלניק, אפרים אויערבאַך, ב. לאַפּין און אַנדערע, ביז חיים גראַדע און ביז גאָר דעם יונגן טאַלאַנטפולן מאיר סעגאַל — איז אַן אויפטו אין דער אידישער ליטעראַטור אין דער היינטיקער צייט, וואו ס'איז אומעטום אַזאַ דוחק אין פּלאַץ פאַר גרעסערע ווערק. ווער רעדט פאַר אַזאַ גרויסער—אין קוואַנטיטעט ווי אין קוואַליטעט ליטעראַטור־היסטאָרישער אָפּהאַנדלונג, ווי ב. ריווקינס — אין דעם צווייטן בוך פון די זאַמלביכער, וואָלטן מיר לאַנג געדאַרפט וואַרטן צו האָבן דעם געוונס און דעם נוץ — ביז עס וואָלט דערשינען אין בוכפאָרם.

אהרן צייטלינס לידער — מער און אַנדערשדיקער ווי לידער — אין „זאַמלביכער" און אין „צוקונפט" זיינען ווערט שטאַרק גערימט צו ווערן: זיי זיינען אָריגינעל, טיף און פאַרמאָגן אַ באַזונדעראַרטיקע שיינקייט. אָפּגעזען פון דיכטערס סקעפּטיציזם איז אויך אין זיי דאָ באַהאַלטענער ליריזם.

ב, לאַפּין גייט אויך זיין אייגענעם וועג. עס פעלט אפשר אַמאָל גרינע בוימער ביי די זייטן, דערפאַר אָבער — ניט זעלטן אַ טיפער ברונעם, אַ קוואַל. זיינע לידער אין די „זאַמלביכער" און אין „צוקונפט" — איז אַ דערגרייכונג אין זיין שאַפונגס־וועג.

מנחם באַריישאַ האָט זיך גענומען אויפן ברייטן וועג פון עפּאָס. זיין קאַפּיטל (אַ גאַנץ היבשער) „בלוט און ביר" איז אַן אָנזאָג אויף אַ גרויס עפּישן ווערק.

אפרים אויערבאַך האָט מיט זיין סעריע לידער אין די „זאַמלביכער" אונז אויף דאָס־ניי דערפרייט. עס זיינען היים־לידער. עס אָטעמט פון זיי מיט דעם דופט פון בעסעראַביער סטעפּעס:

„צען גוטע ברידער זיינען מיר געווען, האָבן מיר די טעג געסיליעט ווי קרעלן, האָבן מיר פון בעלצער האָבערדיקע שוועלן, אָנגעזאָגט דער וועלט, אַז מיר זיינען צען"...

און ווייטער איז נאָך שענער און דופּטענדיקער.

סאַדיע מאַלאַדאַווסיק זינגט נאָך אַלץ באַהעמיש־אומעטיק. זי קלינגלט זיך אין איר געזאַנג, און עס שוואַכט אָפּ אַמאָל די ווירקונג. ווי, למשל, אַזאַ פערז: „פּיס מיינע קריכט אריין אין די לעדערנע כאָדאַקעס". וואָלט ניט געווען רירנדער אַ נאַטירלעכערע שורה, ווי, למשל, „כ'מוז שוין ווידער אָנטאָן מיינע לעדערנע כאָדאַקעס". זי איז אָבער אַ דיכטערין מיט כאַראַקטער.

„אָרעמע גראָשענס". קאַפּיטלען פון אַ ראָמאַן פון א. ראַבאָי איז ניט נאָר אינטערעסאַנט אַ דאַנק דעם טאַלאַנט פון מאָלן און שילדערן, וואָס א. ראַבאָי ווייזט דאָ ווידער אַרויס, נאָר נאָך מער צו באַוואונדערן, וואָס פון אַן ערשט־„מעשה שהיה" קען מען שאַפן אַזאַ קונסט־ווערק. אַבי אַנדערע קינסטלער האָבן מורא פאַר „רעפּאָרטאַזש". דער עכטער קינסטלער גיט זיך שטענדיק אַן עצה.

---

ז. וויינפּערס פּאָעמע „אינטימע" זיינען, זיך באַנוצנדיק מיט זיינעם אַן אייגענעם פערז — „לידער פון פרייד צו אַלץ און פון אַלץ". באמת אַ הערלעכע פּאָעמע.

ל. טריוסטער איז נאָך אַלץ שטאַרקער און שעפערישער אין זיינע קלענערע דערציילונגען, — ווי אין זיינע גרעסערע נאָוועלן און ראָמאַנען. זיין ראָמאַן־טעכניק אָן סימעטרי, און דער סטיל אַליין איז נאָך אַלץ צושלאָגן. עס פעלט אונז אַ י. ל. פּרץ, וואָס פלעגט לערנען די יונגע שרייבער, ווען זיי פלעגן קומען צו אים מיט זייערע מאַנוסקריפּטן, ווי אַזוי ריכטיק צו שרייבן כאָטש אין אויסערלעכער פאָרם. אויב ס'זיינען אפילו דאָ אַזעלכע, וואָס וואָלטן אויך איצט אָנגעוויזן די יונגע, אויף זייערע שפּראַך־פעלערן — קומען ניט די יונגע צו זיי. אַ שאָד! נאָכן פאַרעפנטלעכן די זאַכן, איז שוין ניט

אזוי גרינג צו אויסשטעלן די סטיליסטישע פעלערן און די פּאַרמעלאַזיקייט — לעיני כל ישראל... בפרט, אז ל. טריסטער איז א טאַלאַנטפולער בעלעטריסט...

ב. דעמבלין (ב. טייטעלבוים) דער אויטאָר פון „וועסט-סייד", א באַדייטנדיק ווערק מיט סביבה און באַוועגונג, און טאַקע מיט טאַלאַנט, ליידט אויך פון פּאַרמלאַזיקייט און אין זיין שפּראַך — בדרך כלל א פליסיקע — פעלט אמאָל קלאָרקייט. פילע זאַצן אָן סינטאַקסיס...

י. אָפּאַטאָשוס „צווישן ימים און לענדער" איז מער ווי א רייזע קיין „ארץ ישראל". ס'איז א גרויס בעלעטריסטיש ווערק[2]!

בעריש וויינשטיין אין זיינע „סימפּאָניעס", האָט באַוויזן אז מען קען אפילו מיט ניט-נעגראַמטע פערזן זיין מוזיקאַליש. די סעריע סימפּאָניעס — אין מינאָרנעם אָבער אין שטאַרקן טאָן — באַרוישן מיט די פאַרשי-דענע פונגעס. אין די סימפּאָניעס הערט מען ניט נאָר פידלען — נאָר אויך די שטיל דו-נערדיקע האַלבע טענער פון ליטאַוועריס.

גענוי וועגן די אלע פאַרעפנטלעכטע זאַכן אין די צוויי זאַמבלביכער, וועגן יעדנס ביי-טראַג — אין קינפטיקן העפט „די פעדער". מיר אנטשולדיקן זיך באמת, וואָס מיר זיינען ניט אין שטאַנד עס צו טאָן אין אָט דעם נו-מער — צוליב מאַנגל אין פּלאַץ און אין צייט. (דאָס צווייטע בוך, למשל, האָבן מיר ערשט באַקומען און נאָך ניט קיין צייט גע-האַט איננאַנצן דורכצולייענען.)

---

פון ש. צ. זעצערס „וואָרט ביבליאָ-טעק" איז שוין דערשינען דאָס איין-און-דריי-סיקסטע העפט — א זאַמלונג פון לעגענדן און אגדתאס, פון תלמוד און מדרשים און אנדערע קוואַלן, וועגן שבתים און יום-טובים. די אלע לעגענדן לייענען זיך מיט פאַרכאַפּטן אָטעם, ניט געקוקט וואָס ש. צ. זעצער איז דער גרויסער דענקער, דער טיפער עסייאיסט, איז זיין דערציילערישע שפּראַך, רייך אין אלערליי נואַנסן און פאַרבן. ניט אומזיסט איז ער אזא מבין אויף ליטעראַטור און קונסט.

זיין בוך, למשל, „פיגורן", וועלכער איז אגב אורחא, כמעט ווי פאַרשווינן געוואָרן — א זאַמלונג פון גרעסערע אָפּהאַנדלונגען וועגן ח. נ. ביאַליק, א. ליעסין און מאָריס ראָזענ-פעלד און אנדערע דיכטער — פאַרמאָגט דאָס גרעסטע, דאָס טיפסטע און דאָס ערלעכסטע — און מיט שעפערישער איבערצייגונג — וועגן די דערמאָנטע דיכטער. די גרעסטע אָפּ-האַנדלונג אין בוך—גרעסטע אין כמות און איכות—איז וועגן מאָריס ראָזענפעלד, אזא טיף אַפּאַלאָגעטיש ווערק מיט אזא פּאַטאָס, מיט אזא פאַרשטענדניש אי פאַר דער פּאָעזיע אי פאַר דעם פּאָעט — האָבן מיר אפילו ניט באַגעגנט אין די ווערק פון די גרויסע וועלט-קריטיקער און עסייאיסטן. אויב מען זאָל אפילו ש. צ. זעצערס אָפּהאַנדלונג וועגן מאָריס ראָזענפעלדן פאַרגלייכן מיט קאַרלייַלס אַפּאָ-לאָגעטישע אָפּהאַנדלונג וועגן דעם געניאַלן ראָבערט בוירנס — וועט זעצערס אָפּהאַנדלונג פון דעם פאַרגלייך געווינען.

אָט וועלכע ווערק עס ווערן ביי אונז, אמאָל צוליב נאַכלעסיקייט, אמאָל צוליב ניט-פאַרשטיין און אמאָל — אפשר, צוליב פּער-זענלעכע פּניות — פאַרשוויגן.

און מיר האָבן דאָך שוין, אויסער דעם קלאַ-סישן ש. ניגער—אזעלכע מאָדערנע קריטיקער און עסייאיסטן, ווי ב. ריווקין, שלמה ביקל, ב. טוטשינסקי און אנדערע. וואו זיינען זיי—ווען עס קומט צו באַמערקן דאָס אמת גרויסע, דאָס וויכטיקע און דאָס שעפעריש-בויענדיקע.

---

צו דעם יובילעי פון דעם באַקאַנטן פאָלק-לאָריסט און זאַמלער פון פאָלקס-לידער שמואל לעהמאַן איז אַרויסגעגעבן געוואָרן ביי דער מיטהילף פון פאַריין פון אידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין וואַרשע — א זאַמל-בוך מיט אַרטיקלען, וואָס גיבן א וואַרעמע אָפּשאַצונג און טיפע אנערקענונג שמואל לעה-מאַנען — פאַר זיין וויכטיקע אַרבעט אויפן פעלד פון אידישן פאָלקס-ליד און פון פאָלק-לאָר בכלל. אין דעם באשיידענעם — לויט זיין כמות, אָבער וויכטיקן זאַמלבוך נעמען אנטייל די גרעסטע און געלערנטסטע אויפן נייעם פעלד פון דער אידישער וויסנשאַפט בכלל. צווישן זיי נח פּרילוצקי, דר. יצחק שיפּער און נ. וויינינג. אויך קומען אריין אין דעם זאַמלבוך באַגריסונגען פון ז. קאַלמאַנאָוויטש, זלמן רייז

זען און דר. מ. וויינריך, ווי פאַרשטייער פון ייוואָ. אמשענסטן און אמאינטערעסאַנטסטן זיינען די צוויי עפּיזאָדן דערציילט פון יובי־ליאַר שמואל לעהמאַן אליין, וועגן דעם, ווי אזוי ער האָט די לידער געזאמלט. רירנד איז זיין באַגעגעניש אין א אוונט, אין אן ארע־מער וואַרשעווער גאַס, מיט א צוועלף יערי־קער מיידעלע, וואָס האָט געהאַלטן א קינד אויף די הענט און האָט געזונגען א ליד:

דאָנערשטיק אויף דער נאַכט —
פון גאָר נישט געטראַכט;
פרייטיק אינדערפרי,
גאַנץ פריילעך פאַרבראַכט.
איז געגאַנגען רחלע
איז אריינגעקומען איציקל
ביי איר סילעבן צו נעמען.

דער טיף־דערגרייפנדיקער באַלאַדן־טאָן! און דאָס האָט געזונגען א מיידעלע פון צוועלף יאָר, אמת אין אן ארעמער גאַס, וואו קינ־דער ווערן אַלט פאַר דער צייט...

---

אויב ביכער ווערן ביי אונז אזוי אָפט אומפאַרדינט פאַרשוויגן, וואָס זאָל מיר שוין קלאָגן זיך אויף דעם פאַרשוויינגן פון איינ־צעלנע דערציילונגען, פאָעמען, לידער און וויכ־טיקע עסייען און פובליציסטישע אַרטיקלען. ס'איז אָבער אָפט א גרויס פאַרדראָס און נאָך מער א שאָדן פאַרן לייענער. מען רעדט שוין ניט וועגן שרייבער גופא, וואָס ער וואָלט גע־וואָלט הערן אָן עכאָ פון זיין וואָרט און עס בלייבט, ווי דער עכאָ אליין — אָן אָן אָפּ־קלאַנג.

מיר האָבן שוין אין א פאַרינן נומער „פּעדער" דערמאָנט גרשון שאַפּמאַנס דער־ציילונג „א מענטש אויף דער ערד", געדרוקט געוועזן אין א העפט צוקונפט. איז אונזער אָפּרוף אויך געבליבן אָן אָן עכאָ.

אזוי איז ניט דערמאָנט געוואָרן אזעלכע מייסטערהאַפטע, עכט קינסטלעריש־פּסיכאָלאָ־גיש דערציילונגען פון פסח מאַרקוס. איינע מיטן נאָמען „טרעפּ", געדרוקט אין דעם זאַמלבוך „מאָסן" און זיין דערציילונג „צוויי אַקטיאָרן" אין דער „פרייהייט" אין צוויי פאָרזעצונגען. די ערשטע דערציילונג „טרעפּ" מיט א סימבאָליש הינטערגרונד, די צווייטע איז געשריבן מיט אזא הומאָר, וואָס גרעניצט זיך, צוליב דעם טראַגיזם, מיט פּאַטאָס. עס איז געוועזן דער הומאָר געמישט מיט פּאַטאָס פון א גאָגאָל. נו, האָט קיינער פון די קריטיקער און רעצענזענטן די דאָזיקע העכסט קינסטלע־רישע דערציילונגען ניט פאַרצייכנט אפילו מיט א נאָטיץ.

---

ווערן אויך פאַרשוויגן די דערציילונגען וואָס ווערן אין א באַדייטנדיקער צאָל פאַרעפנטלעכט אין „פאָרווערטס" פונם טאַלאַנטפולן אפרים קאַגאַנאָווסקי, פון דעם יונגן אהרן ברעזינסקי. עס ווערן ניט דערמאָנט די דערציילונגען פון דער טאַלאַנטפולער מרים ראַסקין אין „צו־קונפט". עס ווערן פאַרשוויגן די ראַפינירטע סעריע דערציילונגען — צי גאָר קאַפּיטלען פון א ראָמאַן — פון משה־יונה כאַימאָוויטש „גאַרמענט צענטער", וואָס אָטעמען מיט ניו־יאָרקער לעבן, מיט ניו־יאָרקער לופט און זיי־נען אזוי גייסטרייך, ווי זיינע קורצע עסייען וועגן ביכער און שרייבער, וואָס ער פאַרעפנט־לעכט אין דעם באַנייטן „ניו יאָרקער וואָכנ־בלאַט". און ווער דערמאָנט אמאָל הערמאַן גאָלדס חנודיקע און שפּילעוודיקע קינדער־מעשהלעך. איין בעל־מחשבות האָט בלויז אמאָל דערמאָנט גאָלדס וואונדערלעכע מעשה־לע „שלמהס רינג".

אודאי קענען מיר ניט אויסרעכענען די אַלע איינצלנע דערציילונגען, לידער און עסייען, וואָס ווערן פאַרעפנטלעכט אין די אַלע צייט־שריפטן, טעגלעכע, וועכנטלעכע און מאָנאַט־לעכע, וואָס דערשיינען אין גאָר דער וועלט. דער וואוקס פון דער אידישער ליטעראַטור, די שפע פון די טאַלאַנטן — כן ירבו — איז באמת צו באַוואונדערן. עס פעלט אָבער דער רעגיסטראַטאָר, ניט נאָר דער קריטיקער.

---

מיר אליין האָבן נאָך פילעס גע־דאַרפט פאַרצייכענען אויף די זייטן פון דעם העפט „פּעדער", נאָר דער פּלאַץ ווערט שוין ענג. וועלן מיר וועגן א צאָל וויכטיקע ביכער, ווי די איבערזעצונג פון די פינף מגילות פון נפתלי גראָס און אויך וועגן א צאָל פון זיינע לידער אין „צוקונפט", וואָס

קייט פון זייער פאָרם און מיט דער טיפקייט פון דעם אינהאַלט — אָפּליינגן אויף א צווייטן העפט. אויך ווענן דעם ראָמאַן אין „גאָלדענעם שטראָם" פון דעם באַרימטן נאָוועליסט לעאָן קאָברין — א ראָמאַן, וואָס אנטפּלעקט פאר אונז א גאַנצע עפּאָכע פון אידישן לעבן אין ניו יאָרק — וועלן מיר, האָפנטלעך שרייבן ביי א צווייטער געלעגנהייט, בפרט אז ווענן דעם „גאָלדענעם שטראָם" האָט שוין און מיט רעכט געשריבן ש. ניגער א ברייטערע רעצענזיע.

מיר, מיט אונזער ליטעראַרישע רעוויו און מיט די ליטעראַרישע נאָטיצן זיינען מער אויסן צו רעצענזירן—צי ריכטיקער—צו דערמאָנען יענע ביכער און שאַפונגען, וואָס זיינען מער־וועניקער, צוליב די אדער יענע אורזאַכן פארשוויגן געוואָרן. דאָס איז די אינערלעכע שטים, וואָס רופט אונז, וואָס באַפעלט אונז צו טאָן.

---

נ. ב. מינקאָוו, דער ראַפינירטער און טיף־דענקענדער און סימבאָלישער פּאָעט איז אויך דער רעדאַקטאָר פון דעם ערנסטן און וויכטיקן דריי מאָנאַט שריפט „באָדן". די שריפט דערשיינט שוין דאָס פערטע יאָר און האָט באַרייכערט די אידישע ליטעראַטור מיט וויכטיקע אָפּהאַנדלונגען, וואָס — צוליב די, צי אַנדערע טעכנישע סיבות, וואָלטן זיי ניט געדרוקט געוואָרן אין אַנדערע זשורנאַלן — און וואָס עס וואָלט געווען א גרויסער פארלוסט פאר דער אידישער ליטעראַטור בכלל.

דער „באָדן" האָט די לעצטע צייט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די ערנסטערע לייענער מיט זיינע עסייען פון רעדאַקטאָר אליין וועגן די אידשע פּאָעטן קלאַסיקער, געשריבן מיט גרויס פארשטענדעניש, ליבע און יורידיציע און טאַקע מיט א טיפן אַנאַליז. איבערהויפּט די אָפּהאַנדלונגען וועגן יהואש, מאָריס ראָזענפעלד און ש. פרוג — זיינען א גאָר באַדייטנדיקער צושטייער אי צו דער פאָרשונג אי צו דער דערקלערונג פון די־דאָזיקע דריי גרויסע אידישע פּאָעטן, וואָס צוויי פון זיי — שמעון פרוג און מאָריס ראָזענפעלד, זיינען פון אונזערע ביזאַהעריקער קריטיק באַהאַנדלט געוואָרן, שוין צופיל אויבנ־

איינציקע האָבן אונז אנטציקט מיט דער שיינ־אויפּיס. די אלע עסייען וועלן איינגיכן דערשיינען אין בוך־פאָרם. עס וועט באמת זיין א וויכטיקע דערשיינונג אין דער אידישער ליטעראַטור.

---

„מאָטל צייטן" — פון דער באַגאַבטער שריפטשטעלערן רעי ראַסקין איז טראָץ דעם, וואָס די שריפטשטעלערין באַטיטלט עס דראַמע, איז דוקא א קאָמעדיע, און א גאָר וואוילע קאָמעדיע. זי איז, אפילו ביים לייענען, שפּאַנענד ביז גאָר. ס'פארשטייט זיך, אז קיינער, ווי אונז דאַכט, פון אונזערע רעצענזענטן האָט אָט די אמת לוסטיקע קאָמעדיע ניט דערמאָנט. בכן שרעקן מיר זיך ניט אָפּ און זאָגן מיטן פולן מויל, אז די קאָמעדיע געפעלט אונז גאָר שטאַרק. אין אונזער אָרעמען רעפּערטואַר איז זי א געווינס און א געפינס. ווי אונז דאַכט, וואָלט די קאָמעדיע געקענט געשפּילט ווערן מיט גרויס דערפאָלג.

---

מאני לייב, וואָס גייט זיין וועג — א וועג פון שיינקייט, מיט בלומען און בוימער ביי די זייטן — האָט ווידער אָנגעטראָפן א קוואַל, וואָס האָט אים און אונז דערוויקלט. מיר מיינען דאָ זיין „א מעשהלע אין גראַמען פון דריי און מיט א מאַמען", וואָס ניט נאָר אין דער לייכטגראַציעזער פאָרם, נאָר אין אינהאַלט, אין דער פאָלקסטימליכער סימבאָלישקייט איז עס איינס פון מאני־לייבס טיפסטע און שענסטע שאַפונגען. ס'איז כלומרשט פאר קינדער, אבער מיר דערוואַקסענע ווייסן שוין, ווי אזוי אזעלכע שאַפונגען ווערן דערהויבן צו דער מדרגה פון עכטער קונסט, אָפּגעזעען פון דער פאָרם און טאָן. אויך אַנדערסענס געניאַלע מעשהלע „דער קיניג איז נאַקעט" און זיינע אַנדערע מעשהלעך זיינען געשריבן כלומרשט פאר קינדער, און שוין פילע צענדליקער יאָרן, אז די גרויסע קוויקן זיך דערמיט און שעפּן חכמה פון זיי.

אין דעם זעלביקן מאָנאַטשריפט „צוקונפט", האָט זיך דאָס יאָר אויסגעצייכנט אין א ריי לירישע לידער אונזער באַרימטער ליריקער און גרויסער פאַבל־דיכטער נחום יוד;

מיט א גרעסערן ליד „אומרואיקע טעג" — דער מאָדערנער דיכטער י. ב. ביאַלאָסטאָצקי און מארק שווייד — מיט א דראַמאַטישער פּאָעמע אין דריי בילדער „היימארבעט" — א קרעפטיקע שאפונג.

---

„דער מענטש ביאַליק", זכרונות און איינדרוקן וועגן דער פּערזענלעכקייט פונם גרויסן נאַציאָנאַלן דיכטער ח. נ. ביאַליק — איז א וואויל ספרל, און זיין מחבר איז אליעזר שערמאַן, וואָס איז אין דער צייט פון זיין וואוינען אין ארץ ישראל אין דער נייער אידישער שטאָט תל-אביב, געווען ביי ביאַליקן א בן בית. דאָס אליין איז שוין א מדרגה און א זכיה.

אליעזר שערמאַן האָט פארדינט דעם צוטרוי און ביאַליקס התקרבות צו אים.. אליעזר שערמאַן, אליין א ליבלעכער מענטש, מיט א חסידישן געמיט און טאקע א פיינער שרייבער, — דערציילט וועגן ביאַליקן און פון זיין לעבן — גאָר שיינע און הויכע זאכן; שערמאַן ברענגט אונז פון ביאַליקן פּערלען און דימענטן, וואָס ער האָט געשאפן בעל-פּה. מאנכע פון זיי קלוג, חריפותדיק, מאנכע וויציק און הומאָריסטיש און מאנכע — נביאותדיק. דאָס גאנצע ווערקל „דער מענטש ביאַליק", לייענט זיך ווי א ספורי בעל שם טוב, אָדער ווי שבחי הר"ן. דאָס ספרל האָט טאקע געקענט טראָגן דעם טיטל, שבחי ר' חיים נחמן. אבער ביאַליק איז צו זיין גרויס אידישקייט געווען א מאדערנער מענטש און זיינע מיינונגען וועגן וועלט-פּראָבלעמען און וועגן ליטעראַרישע פראגן איז אינטערעסאנט אויך פאר אונז וועלטלעכע און מאָדערנע אידן. דערפאר האָט דאָס ווערקל פון אליעזר שערמאַן „דער מענטשש ביאַליק" — א טאָפּעלטן חן און א טאָפּעלטן ווערט.

אליעזר שערמאַן פארדינט א גאָר-גאָר שיינעם יישר כח. מיר גיבן עס אים פון טיפסטן הארצן.

---

צום זיבעציקסטן געבורטסטאָג פון דעם באַוואוסטן דיכטער יוסף יפה, האָט די עקזעקוטיווע פון יהואש ברענטש 50, אידיש-נאַצ. ארבעטער פארבאנד ארויסגעגעבן א באנד פון זיינע לידער מיטן טיטל „געזאנגען". א שיינע מתנה פארן דיכטער און פאר זיינע לייענער, פארערער פון זיין אייגנארטיקן טאַלאנט: דעם בוך — ווי דעם דיכטער אליין איז געגעבן געוואָרן א ווארעמע און הארציקע אויפנאמע.

סיי דער אידישער פּען-קלוב אין נויארק, סיי דער י. ל. פּרץ שרייבער פאריין האָט די דערשיינונג פון דעם דאָזיקן מערקווירדיקן בוך פון איינעם פון די ערשטע פּאָעטן אין דער „אידישער אמעריקע", וואָס איז נעגאנגען זיין אייגענעם וועג — דורך פיין און קאמף — צו ליבשאפט און ליכטיקן הומאָר — געפייערט אויף א שיינעם אויפריכטיקן שטייגער.

אין די פייערונגען האָבן אנטייל גענומען די שענסטע שעפער פון אידשן וואָרט און פון אידשן ליד.

א ווארעמע אָפּהאנדלונג לכבוד דער דערשיינונג פון דעם בוך „געזאנגען" האָט פארעפנטלעכט ש. ניגער אין „טאָג", אויך זיינען געווען פארעפנטלעכט אָפּהאנדלונגען אין אנדערע צייטונגען און צייטשריפטן. יוסף יפה האָט די אלע לויבגעזאנגען ערלעך פארדינט. עס קומט אים נאָך מער פאר זיינע ערלעכע לידער, סיי פאר זיינע פּערזענלעכע מדות און שיינעם לעבן בכלל.

---

„שטאָט פון פּאַלאַצן", לידער און פּאָעמעס פון יצחק בערלינער, מיט צייכענונגען פון באַרימטן מעקסיקאנער סקולפּטאָר און מאלער דיעגא ריווערא — איז א זאמלונג פון לידער וועגן מעקסיקא, דאָס לאנד וועלכעס דער הויך-באַגאַבטער דיכטער יצחק בערלינער האָט געמאכט פאר זיין היים, און ער האָט זיין נייע היים ליב, כאָטש ער מאָלט אין קרעפטיקע פארזען אירע סאָציאלע איבלען, וועלכע זיינען אין געוויסן זין אויך וועלט-איבלען. וועגן די צייכענונגען צו א צאָל לידער פון דיעגא ריווערא—נעמען מיר זיך ניט אונטער צו זאָגן אונזער מיינונג אויספירלעך—דערצו פאָדערט קאָמפּעטענץ און טעאָרעטישן וויסן. אבער אזוי ווי מיר זיינען הדיוטים אין דעם געביט — מוזן מיר זאָגן, אז די צייכענונגען זיינען ממש אנטציקנד! אין דער זעלביקער צייט וועקן זיי אין אונז אויך מיטגעפיל צו די ארעמע

העלדן, אין זיי איז אָבער אויך דאָ גרויס קראַפט און פון זייערע שטאַרק אָנגעצויגענע מוסקולן, ווי ריוועראַ צייכנט זיינע פּראָלעטאַריער — שרייט ארויס פּראָטעסט און גרייטקייט צום קאַמף קעגן די אונטערדריקער.

די לידער פון יצחק בערלינער באַקומען זייער ליכטיקן פּירוש דורך די צייכענונגען — אין קאַרגע שטריכן און ליניעס — פון דעם גרויסן מייסטער ריווערע. ס'קומט אים א גרויסער דאַנק פאַר זיין גוטסקייט און גרייטקייט — צו באַשיינען א אידישן בוך לידער, געזונגען פון א עמיגראַנט אין מעקסיקע — מיט זיינע וואונדערלעכע צייכענונגען.

---

ג. גויכבערגס ווערטיקאַלן, פאַרלאַג בידערמאַן, נויארק — איז א זאַמלונג פון לידער וועגן נויארק און וועגן שטאָט בכלל. און איבערהויפּט וועגן דער צייט — דער היינטיקער.

ס'איז א בוך, וואָס ברויזט מיט פּראָטעסט, מיט אויפדעקונגען פון אַלע אומרעכטן אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט און מיט עקסטאַז — פאַר א נייער וועלט־אָרדענונג. די לידער זיינען שטאַרק — אמאָל צו שטאַרק — דאָס לירישע ווערט פאַרהילכט פון דאָס פּראָטעסטירנדיקע. אבער י. גויכבערג איז א דיכטער מיט טעמפּעראַמענט, מיט שוואונג און דערהויפּט מיט קראַפט און טאַקע מיט טאַלאַנט. ער נעמט נאָר אמאָל, א צו הויכן טאָן, אויף א צו הויכער אָקטאַווע, אָבער שטענדיק אויפריכטיק ווירקט ער מיט זיין ליד אויך מיט דעם הויכן טאָן.

---

אהרן ראַפּאַפּאָרט, וואָס האָט זיך אַזוי אויסגעצייכנט מיט זיין בוך „מעשה שאָפּ"— דערציילונגען און בילדער פון שאָפּ לעבן, מיט טיפן געצייכנט אויף א נייעם שטייגער, מיט א נייעם, מער ליריש־פּאַטעטישן צוגאַנג צו די ליידן און די פריידן פון ארבעטער, פון דעם אידישן, ווי ניט־אידישן, פון דעם מאַן און דער פרוי, האָט — נאָך א לענגערן שטילשווייגן — פאַרעפנטלעכט אין איינעם פון לעצט - דערשינענע העפטן פון מאָנאַטשריפט „דער האַמער" א לענגערע דערציילונג — פון לעבן אין א שפּיטאָל. די דערציילונג, ניט געקוקט אויף דער אַטמאָספערע אין א שפּיטאָל — איז געשריבן מיט נייע פּסיכאָלאָגישע דעטאַלן. ס'איז דאָ אין דער דערציילונג פיל אנטפּלעקונג אין די לאַבירינטן פון דער מענטשלעכער פּסיכיק.

אהרן ראַפּאַפּאָרטס שאַפן איז א אינטערעסאַנטע דערשיינונג אין דער נייער אידישער ליטעראַטור. ער פאַרדינט מער אויפמערקזאַמקייט, ווי ער האָט עס באַקומען ביז אהער.

---

די אַנטאָלאָגיע פון דער העברעאישער פּאָעזיע פון מרדכי יאַפע איז א פריידיקע דערשיינונג אין דער אידישער פּאָעזיע בכלל. מוסטערן פון דער שפּאַניש־העברעאישער פּאָעזיע אין אידיש, האָט אונז שוין געגעבן אין דער גלענצנדסטער איבערדיכטונג — דער אליין אויך גרויסער פּאָעט י. י. שווארץ. אין דער נייער אַנטאָלאָגיע פון מרדכי יאַפע, געפינען מיר שוין לידער פון א גרעסערער צאָל העברעאישע פּאָעטן — פון דעם מיטלאַלטער ביז דער נייסטער צייט. מיר האָבן דאָ ניט נענוג פּלאַץ פאַר א לענגערער רעצענזיע איבערן באמת זיננעוודיקן בוך. ניט אַלע זיינען גליך געלונגען איבערזעצט, סיי פון מרדכי יאַפע אליין, סיי פון די אנדערע איבערזעצער. מיר מוזן בלויז אויסדריקן אונזער אנערקענונג פאַר די איבערזעצונגען פון ז. ר. (זלמן רובאשאוו — דווקא דער וואָס באַקעמפט איצט אידיש אין ארץ־ישראל!) פון דער יונג - פאַרשטאָרבענער און אייביק לעבנדיקער דיכטערין רחל — די לירישסטע און איידעלסטע דיכטערין אין לשון קודש און אין ארץ ישראל בכלל.

די אַנטאָלאָגיע, אָפּגעזען פון א צאָל ניט גאָר־געלונגענע איבערזעצונגען און פון די שירים אין אָריגינאַל אליין — איז אן אָנגעלייגטע מתנה דער אידישער ליטעראַטור און אירע לייענער. איבערהויפּט פאַר יענע וואָס לייענען ניט קיין לשון־קודש. אבער אפילו פאַר די וואָס לייענען יאָ איז א פרייד צו לייענען די גוטע לידער נאָך אמאָל איבערזעצט אין אידיש. א סך לידער אין העברעאיש, איבערזעצט אין אידיש, ווערן ווי געבוירן צום נייעם לעבן און אמאָל צום לעבן בכלל. ס'איז ניט לגנאי און ניט לשבח, נאָר דער אמת. לכל הפחות — אונזער אמת...

צו די וויכטיקסטע ביכער. וואָס קענען הייסן ספרים, לויט דעם אלט־אידישן באַגריף — וואָס זיינען דערשינען אין דער לעצטער צייט, קענען מיר צורעכענען דר. חיים זשיטלאָווסקיס ערשטן באנד „זכרונות פון מיין לעבן". עס איז א בוך ניט נאָר פון פּאַסירונגען, נאָר אויך פון געדאַנקען, אידעען און מיינונגען וועגן פילאָזאָפישע, עטישע און סאָציאלע באַוועגונגען, שאַצונגען און אָפּשאַצונגען פון באַדייטנדיקע פּערזענלעכקייטן און בכלל א בוך פון גרויס עטישן און קינסטלערישן ווערט. דער לעצטער אדיעקטיוו איז א כשר פארדינטער. אין פילע קאַפּיטלען וואו אונזער גרויסער דענקער — מאָלט מענטשן און סיטואַציעס, ווייזט ער ארויס א באַדייטנדיקן מאָלערישן חוש, געפיל פון טאַקט, וואָס דאָס איז אודאי די אייגנשאַפט פון א קינסטלער. מיר ווארטן מיט אומגעדולד אויף די ווייטערדיקע בענד.

---

פון אן אנדער כאַראַקטער, הגם שטעלנוויז דערנענטערן זיי אויך צו א קינסטלערישער הויך — זיינען די פינף בענד „בלעטער פון מיין לעבן", וואָס דער פינפטער באַנד איז לעצטנס דערשינען — פון אב. קאַהאַן. אב. קאַהאַן, מיט א גאַנץ אַנדערן טעמפּעראַמענט און וואָס האָט פיל און מיט פילע געקעמפּט און זיך אפילו געקריגט פאַר זיינע מיינונגען און בליקן אין ליטעראַטור, פּרעסע און אין דער ארבעטער באַוועגונג — האָט פאַר אונז פונאַנדערגעוויקלט, אָנהויבנדיק פון צווייטן באַנד — און אַנטפּלעקט גאַנצע פּאַנאָראַמעס און גאַלעריעס פון בילדער פון ארבעטער לעבן און ארבעטער־באַוועגונג. אין אמעריקע און טיילווייז פון אייראָפּע, א דאַנק זיינע אָפטע רייזעס אהין, ווי א סאָציאַליסטישער דעלעגאַט. זיין שילדערן לאַווראָוו אין פּאַריז, אלס עמיגראַנט און אנדערע רעוואָלוציאָנערע און לייטנדע גייסטער פון דער רוסישער פרייהייטס־באַוועגונג און פון אנדערע לענדער — לייענען זיך ווי עכטע בעלעטריסטישע דערציילונגען.

די קינפטיקע היסטאָריקער וועלן האָבן גענוג מאַטעריאַל צו שעפּן פון אב. קאַהאַנס פינף בענד „בלעטער פון מיין לעבן". מיר, דערוויל, לייענען זיי מיט גרויס אינטערעס און מיט א געפיל פון דאַנקבאַרקייט צו דעם אויטאָר, וואָס האָט פון זיין לעבנס־בוים אונז געגעבן אזעלכע זאַפטיקע בלעטער — „בלעטער פון מיין לעבן".

---

די לייענער פון דער „פּעדער" און בכלל לייענער וועלן זיך זיכער דערשרעקן פאַר אזא שווערן טיטל „פופציק יאָר קלאָוק אָפּערייטאַרס יוניאָן — 1886־1936", און דאָך איז עס א בוך, וואָס וועדליק זיין אינהאַלט לייענט עס זיך ווי א עפּאָפּיי — וועגן א גרויסער צייט און וועגן גרויסע העלדן, וואָס האָבן געפירט קאַמפּן מיט זייערע קעגנער און שונאים און האָבן לסוף געזיגט...

דאָס דאָזיקע וואונדערלעך בוך, די דאָזיקע עפּאָפּיי איז געשריבן, מיט גרויס פארשטענדניס פאַר דער יוניאָן־באַוועגונג—פון דר .ב. האָפּמאַן (צביון), איינער פון אונזערע בעסטע פּראָזע שרייבער, און ס'איז ארויסגעגעבן פון דער קלאָוק אָפּערייטאַרס יוניאָן לאָקאַל 17 (געוועזענער לאָקאַל 1) אינטערנעשאָנאַל לײדיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן, נויאָרק 1936.

א וויכטיק בוך און א וויכטיקע דאַטע. די ארבעטער און די פירער פון דער גרויסער און איצט שוין אויך שטאַרקער יוניאָן — מעגן זיך גראַטולירן מיט אזא וויכטיקן היסטאָרישן בוך, וואָס לייענט זיך מיט פאַרכאַפּטן אָטעם, ניט געקוקט אויף דער אזוי־גערופענע „טרוקענקייט" פון די פאַקטן.

---

די „ייווא בלעטער", חודש שריפט פון אידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, באַרייכערט די אידישע וויסנשאַפט בכלל — מיט אַלץ נייערע אָפּהאַנדלונגען און פאָרשונגען. אין דעם לעצטן יאַנואַר־פעברואַר העפט איז צווישן אנדערע אָפּהאַנדלונגען פון גרויסן וויסנשאַפטלעכן און סאָציאַלן באַדייט—פּאַרעפנטלעכט דורך דעם יונגן אָבער שוין באַרימטן געלערטן און ליטעראַטור פאָרשער, דר. יעקב שאַצקי — די בריוו פון פּלטיאל זאַמאַשטשין צו שלום עליכמן. דאָס איז באמת די אינטערעסאַנטסטע קאָרעספּאָנדענץ צווישן אידישע שרייבער, וואָס אונז איז אויסגעקומען ווען צו לייענען.

אין די בריוו ווערט פאר אונז אנטפלעקט אַן עפּאָכע און אירע עפּאָכע מאכנדיקע פּערזענלעכקייטן.

די ייווא־בלעטער איז א מאָנאַטשריפט וואָס ברענגט יעדן העפט א נייס אין דער אידישער ליטעראַטור־פאָרשונג.

---

„די אנטרונענע" און „לענדער און לעבנס" — זיינען צוויי ווערק פון בארימטן שרייבער ברוך גלאזמאן, וואָס זיינען דערשינען אין דער לעצטער צייט. ביידע ביכער פון טאלאנטפולן נאָוועליסט זיינען רייך אין בילדער און סיטואציעס, גענומען פון דער צייט אליין און בלויז צוגעמאָלט מיט דער פעדער, אביסל א שפּיציקלעכע—פון ב. גלאזמאַן. א שרייבער מיט א סך קינסטלערישער מעגלעכקייט, שאדט אים אבער, נאָך אונזער מיינונג, זיין צו באוואוסטזיניקייט. ער ווערט זעלטן ליריש, זעלטן פּאטעטיש און נאָך זעלטענער פּאטעטיש ביי מאָלן, צי שילדערן גרויסע צייט־פּאסירונגען. ער איז באָאַבאַכטער און שמייכלט־צו, לאכט און לאכט אוים. אנשטאט הומאָר — איראָני, סארקאזם. עס פעלט אים ליבע צו זיינע העלדן. מעגן אנדערע פון זיי — זיין נעגאטיוו אפילו.

ווען גאָגאָל, למשל, וואָלט ניט ליב געהאט — אפילו זיין כלעסטיאקאָוון, און זיין טשיטשיקאוון, וואָלטן זיי ניט געוואָרן קיין וועלט־טיפּן, וואָס זיי אליין האָבן צוגעהאָלפן צו באפרייען זיך פון אזעלכע ווי זיי.

ברוך גלזאמאן נאָך אין זיין שענסטן שאפונגס פּעריאָד דארף זיך וועגן אָט דעם פּארטראכטן. סיי ווי סיי איז ער א באדייטנדיקער בעלעטריסט.

---

די זאמלונג לידער פון יאָסל קאָהן מיטן אלגעמיינעם טיטל „קרומע וועגן", געהערט צו דעם בונטארישן פּעריאָד אין אונזער ליטעראטור. א תלמיד — אבער ניט קיין נאָכמאכער פון משה לייב האלפּערין — זעצט ער פאר די טראדיציע — פון בונטאר, נאטירלעך אָן דעם רבים ראפינירטקייט און אָן דעם רבים — משה לייבס — קולטור. אבער אויך יאָסל קאָהן פארמאָגט — אוממיטלבאר פאָרם, ס'איז אן אייגענע פאָרם, וואָס גיסט זיך אוים פון אייגענעם געמיט — א ברויזנדן און א פארביטערטן.

אין א סך לידער אין דער זאמלונג רעדט ארוים ניט נאָר דער מענטש יאָסל קאָהן, נאר דער מענטש בכלל, דער מענטש דער באליידיקטער פון דער כלומרשט העכערער געזעלשאפט, דער מענטש וואָס מוז לעבן מיט זיינע אידעאלן און ווייטע צילן — צווישן צוימען און געזעצלעכקייטן, וואָס דריקן אים פיזיש און גייסטיק. דאָס בוך פארמאָגט טיף־דירנדיקע און שטארק מאָנענדיקע לידער. דאָס זיינען לידער, וואָס וועקן ניט נאָר דאָס געפיל און דעם געדאנק, נאָר אויך דעם געוויסן.

יאָסל קאָהן מאָנט אויך ביי זיך, ביי זיין אייגענעם געוויסן... און דערפאר ווירקן מאנכע לידער אין בוך „קרומע וועגן" — נאָך שטארקער און עטישער, כאָטש ניט אלעמאָל עסטעטיש. אין זיין ווייטערדיקן שאפן, ביי בעסערע באדינגונגען און גלייכערע וועגן וועט יאָסל קאָהן אונז געבן אויך לידער פון עסטעטישן ווערט. א דיכטער איז ער זיכער!

---

דער אידישער פּען־קלוב אין ווארשע האָט שוין ארויסגעגעבן א צאָל וויכטיקע ווערק פון די אידישע דיכטער און שרייבער (אויף דעם אידישן פּען־קלוב אין נויארק געזאָגט געוואָרן). צו דער צאָל איז צוגעקומען א ניי פיין ביכעלע—איבערדיכטונגען פון לי־טאיפע, פונם טאלאנטפולן יונגן דיכטער נחום באָמזע, מיט א פיינעם ארייננפיר, און מיט א בילד פון ליטאיפע, געמאָלן פון ליאנג־קאי.

דאָס ביכעלע — א פרייד צו לייענען, איז ארויסגעגעבן געוואָרן זייער שיין, אויף טיערן ליכטיקן פּאפּיר מיט ליכטיקע אותיות— ווי עס פּאַרדינט דער דיכטער פון אָריגינאל און פון דער איבערדיכטונג — נחום באָמזע, איינער פון די טאלאנטפולסטע פון דער יונגער גרופּע דיכטער אין גאליציע און איצט פון פּוילן.

---

א גרויסן צושטייער דער אידישער איבערזעצונגס־ליטעראטור האָט ווידער געשענקט דער אומדערמידלעכער דר. אברהם אייסען, מיט זיינע 25 לידער פון טאמאס מור, איבערגעדיכטעט געטריי צום אָריגינאל, און טאָקע זייער געלונגען. טאָמאס מור, אין דער אידישער איבערזעצונג קלינגט עכט און איינג.

זיינע אירלענדישע מאָטיוון ווערן אין אידיש אוניווערסאַל. און ס'קומט דר. אייסענען גרויס אנערקענונג — ער באַרייכערט אונזער פּאָעזיע מיט וועלט מאָטיוון. צו זיין פופציקסטן געבורטסטאָג — שיקן מיר אים אונזערע בעסטע וואונשן.

---

עס האָט זיך געגרינדעט א קאָמיטעט ארויסצוגעבן א באַנד געקליבענע דערציילונגען פון דעם יונגן טאַלאַנטפולן בעלעטריסט חיים פּעט. אודאי וואָלט אונז געווען מער אנגענעם, ווען עס וואָלט זיך געפונען א פאַרלאַג פאַר אַזאַ זאַמלונג, ווי עס איז געווען ביי אונז נית לאַנג צוריק און ווי עס פירט זיך עד היום אין די אנדערע ליטעראַטורן. מיט די קאָמיטעטן קומט אויס, אַז מען וואַרפט זיך אָן אויפ'ן עולם — שוין צופיל אזעלכע קאָמיטעטן... פאַרלעגער אָבער זיינען איצט ניט בנמצא, איז לית־ברירה, און מאַנכע עלטערע און שוין באַרימטע שרייבער קומען אָן צו דעם דאָזיקן מין ארויסגעבן איז אונז שוין אודאי ניחא... בפרט, אַז חיים פּעט האָט זיך שוין אזוי פיל מאָל אויסגעצייכנט אין דער „פרייהייט" און „טאָג", אין „אידישן קעמפער", אין „צוקונפט" און אין „דער פּעדער", וואו ער האָט פאַרעפנטליכט זיינע פּרעכטיקע דערציילונגען מיט זיין באַזונדער רייכפאַרביקייט אין שפּראַך און אין בילדלעכקייט, וועט אונז אודאי זיין אָנגעלייגט דאָס בוך פון חיים פּעט, וואָס וועט אינגיכן דערשיינען. אין שיינער פּראָזע איז נאָך אַלץ די שפע ביי אונז ניט צו גרויס. מיר זיינען נאָך אַלץ רייכער אין לידער־זאַמלונגען, איבערהויפּט די לעצטע צייט.

---

בכלל איז אונז טייער יעדער נייער טאַלאַנט אין פּראָזע און די דערשיינונג פון א פּראָזע־בוך רופט ארויס א באַזונדער פרייד. אזוי האָבן מיר זיך געפרייט מיט דעם נייעם ראָמאַן „מדרש פנחס"—פונם מאָדערנעם שרייבער מ. אַלטמאַן, וואָס האָט שוין מיט זיינע ערשטע דערציילונגען, געזאַמלט אין איין בוך „די גאָלדענע קאַרעטע"—געמאַכט א שטאַרקן איינדרוק און באַרייכערט די נייע אידישע בעלעטריסטיק מיט א נייעם אויפפּאַסן דאָס אידישע און מענטשלעכע לעבן בכלל.

---

אויסער אַלטמאַנען דערמאָנען מיר דעם מאָדערנעם דיכטער יעקב שטערנבערג, וואָס אין זיין ניי־געזאַמלטע לידער „שטאָט אין פּראָפיל", האָט ער ניט נאָר אריינגעטראָגן נייע פאָרמע, נאָר אויך נייעם און טיפן אינהאַלט, און מיט אים די יונגערע פּאָעטן און עסייאיסטן, זעט מען ווי די אידישע ליטעראַטור אין רומעניע האָט זיך דערהויבן צו אוניווערסאַלע מאָטיוון, פּראָבלעמען, ביז ווערטן־איבערראַשונגען, ווי למשל שלמה ביקל, טוטשינסקי, וואָס האָבן געעפנט א ניי בלאַט אין דער אידישער קריטיק און אין דער עסיי.

---

אליעזר גרינבערג, דער באַדייטנדער מאָדערנער פּאָעט, וואָס האָט לעצטנס זיך ווידער אויסגעצייכנט מיט זיין „באַלאַדע פון א טאָג", פאַרעפנטלעכט אין „האַמער" אין פיר פאַרזעצונגען — האָט אין „אויפקום" פאַרעפנטלעכט א גרעסערע אָפּהאַנדלונג וועגן זישע לאַנדוי — דער אינגסטער פון דער יונגער גרופּע פּאָעטן אין אמעריקע, צו וועלכער דער גרויסער דיכטער מאַני־לייב האָט זיך אין די ערשטע יאָרן פון זיין שאַפן, צוגערעכנט. אליעזר גרינבערג גיט א וואונדערלעכן אַנאַליז פון דער צייט, פון די מאָטיוון און פון דעם טאַלאַנט בכלל פון דעם פאַר דער צייט פאַרשניטענעם פון לעבנסבוים — זישע לאַנדוי, דעם אידעלן, קלוגן און ראַפינירטן אידישן פּאָעט, וואָס האָט אפילו מיט זיין אייביק יוגנטלעכער טראַציקייט אונז אַלעמען — ביי זיין ליכטיק לעבן — דערפרייט. און איצט אזוי דערשיטערט מיט זיין אוועקגיין אין דער אייביקייט.

עס פאַרדריסט נאָך מער, וואָס אזעלכע וואונדערלעכע אָפּהאַנדלונגען, ווי ס'איז די אָפּהאַנדלונג פון אליעזר גרינבערג, ווערן דאָס רוב פאַרעפנטלעכט נאָך דעם פּאָעטס שיידן־זיך. פאַר וואָס ניט מיט אזעלכע עסייען דערפרייען דעם דיכטער ביים לעבן? וואָלט עס אפשר נאָר זייער לעבן פאַרלענגערט? פאַרזיסט די ביטערנישן פון לעבן פון א יונגן פּאָעט אין אמעריקע — וואָלט עס אודאי און אודאי...

כאווער־פאווער (גרשון איינבינדער), וואס האט אנגעהויבן זיין ליטעראריש־שעפערישע טעטיקייט מיט דערציילונגען פאר קינדער — און פון קינדער, און וואס האט זיך שוין דעמאלט אויסגעצייכנט מיט זיין פרישער פאנטאזיע, מיט זיין שפראך־שיינקייט און מיט דער תמימותדיקער טיפקייט, — האט זיך די לעצטע צייט גענומען צו שאפן אין דער פארמע פון ראמאן. אויך אויף אט דעם געביט איז ער עכט, און רייך אין בילדער. דערצו ברייט סאציאל, אבער ניט אויפן חשבון פון דער קינסטלערישקייט. זיין ראמאן „קלינטאן סטריט“, מיט זיין אינטערעסאנטקייט און זיין שטייגנדיקער טעמפא — איז א דערפרייענדיקע נעשעעניש אין דער אידישער ליטעראטור, און פאר די לייענער, וואס פאלגן־נאך דעם וואוקס פון כאווער־פאווערס טאלאנט — מיט פרייד.

פ. בערניקער, א יונגער שריפטשטעלער, וואס האט פארדינט אונזער אויפמערקזאמקייט ביי די ערשטע דערציילונגען זיינע, פארעפנטלעכטע אין פארשידענע צייטשריפטן — האט איצט ארויסגעלאזט א זאמלונג פון א גרעסערע צאל דערציילונגען זיינע מיט דעם אלגעמיינעם טיטל „שטילע לעבנס“, א טיטל וואס פאסט זיך פאר דער טעמאטיק און פאר די פערזאנען פון זיינע דערציילונגען.

פ. בערניקער צייכנט זיך אוים מיט באאבאכטונגס־קראפט און מיט פיינעם ליריזם. מער פארטיפן, סיי די סוזשעטן, סיי די פערזאנען, וועלכע ער באהאנדלט, וועט דעם טאלאנטפולן פ. בערניקערן אין זיין ווייטערדיקער שעפערישער טעטיקייט זיכערן א פלאץ אין דער נייער אידישער בעלעטריסטיק. אויך דארף ער זיך פארטראכטן וועגן דער שפראך אליין, זי זאל זיין מער פארביק, מער קרעפטיק. פ. בערניקער איז נאך יונג און ער וועט נעווים — ביי זיין ערנסטע באציאונג, וואס ער באזיצט צו זיין שאפן בכלל — גובר זיין די שוועריקייטן, וואס שטייען פאר א יונגן קינסטלער.

---

מ. אשעראוויטש, וואס האט זיך שוין אויסגעצייכנט מיט א גרויסע צאל דערציילונגען פון היימישן און אמעריקאנער לעבן, האט לעצטנס פארעפנטלעכט א היסטארישן ראמאן „מארי אנטואנעט“ — פון דער געשיכטע פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע. דער ראמאן, אויסער זיין שפאנענדיקייט, פארמאגט פרעכטיק געשריבענע קאפיטלען און איז אין אלגעמיין א באדייטנדיקער צושטייער דער אידישער ליטעראטור, וואס אין וועלטלעך־היסטארישע ראמאנען איז זי נאך ניט באזונדערס רייך.

---

וועגן י. י. זינגערס ראמאן „ברידער אשכנזי“ — איז שוין איבעריק צו דערמאנען. זיין דערפאלג איז געזיכערט. וועגן א בוך וואס האט זוכה געווען צו זיין א היבשע צייט דער „בעסט סעלער“ איז א מדרגה. אונז בלייבט נאר צו באגריסן י. י. זינגערן מיט זיין גרויסן און פארדינטן דערפאלג. איבריגנס האבן מיר אין פאריגן נומער „פעדער“ שוין געזאגט אונזער באגייסטערטע מיינונג וועגן דעם ראמאן „ברידער אשכנזי“ און וועגן י. י. זינגערן בכלל.

---

דאס גרויסע מאנומענטאלע ווערק „די געשיכטע פון די אידישע ליטעראטורן ביי אידן“ פון דר. ישראל צינבערג, וואס איז דערשינען באנד־ווייז, איז שוין באלד פארענדיקט. מיט דער גרעסטער אומגעדולד דערווארטן מיר שוין דעם צענטן באנד וועגן נייסטער ליטעראטור דער אידישער — אויף אידיש. הנם דער פארלעצטער באנד באהאנדלט שוין אויך די לויטער־אידישע ליטעראטור פון דער השכלה־צייט. מיר געפינען ניט אין דער הייסער מינוט גענוג לויב־ווערטער פאר דאס גרויסע ווערק און פאר דעם גרויסן שעפער פון אט דעם ווערק—דר. ישראל צינבערג. מיר שיקן איבער צו אים די שענסטע וואונשן.

---

צום זיבעציק־יעריקן יובילייאום פון שאול גינזבורג, דער גרויסער פיאנער, אלס דער ערשטער זאמלער פון אידישע פאלקס־לידער מיט זיין אומפארגעסלעכן פריינט — אים צו לאנגע יאר פ. מארעק, און איינער פון די וויכטיקסטע היסטאריקער פון רוסישן אידנטום, איז דערשינען זיינע נעקליבענע היס־

טאָרישע אָפּהאַנדלונגען, עסייען און היסטאָרישע עטיודן — אין דריי בענד, ארויסגעגעבן פון א קאָמיטעט, וואָס באשטייט פון פאַרערער און אָפּשאַצער פון דעם ווירדיקן יוביליאַר.

שאול גינזבורג מיט דעם עכטן טאַלאַנט פון א היסטאָריקער, מיט דעם חוש צו אנטדעקן און ארויסצולייענען פון א פארשטויבט פאַפּירל ערגעץ אין א פארגעסענעם ארכיוו גאַנצע געשעענישן פון דעם אידישן אמאָליקן לעבן, פון דער ווייטער און נאָענטער פארגאַנגענהייט, איז אויך געבענטשט מיט א טאַלאַנט פון א דערציילער. די דריי בענד שריפטן פון שאול גינזבורג וועט יעדער אידישער מענטש זיכער איינשאַפן, כדי צו באקענען זיך אי מיט דער געשיכטע פון זיין פאָלק, אי מיט דעם שאַפן אליין פון שאול גינזבורג, וואָס דאָס וועט זיין אויך א מאָראַלישע באלוינונג פאר דער גייסטיקער מי פון ווירדיקן יוביליאַר.

---

א. לוצקי — אפגעזען דערפון, וואָס זיינע ערשטע צוויי ביכער „אומעטיק און פריילעך“ און „בראשית אין מיטן“ האָבן געשאַפן א שולע, און לוצקיס איינפלוס מערקט זיך אין די לידער פון א צאָל יונגע און אפילו „עלטערע פּאָעטן—ער מאכט נאָך אלץ פּאָרטשריט, ער גייט פאָרויס, סיי אין זיינע מאָטיוון גופא, סיי אין זיין דערפרישנדיקן סטיל. זיין וועלט־אָנשויאונג—א ריין פּאָעטיש פילאָזאָפישע, באַקומט אויך אירע סאָציאלע עלעמענטן. ער פארעפנטלעכט איצט זיינע נייע שאפונגען אין דער פרעסע. אָבער לוצקין זעט מען ארויס אפילו ווען זיינע לידער זיינען ניט געזאמלט אין בוך־פאָרם.

זיינע לידער אין „טאָג“, וואו ער פארעפנטלעכט זיי לעצטנס אממערסטן — מאכן א שטארקן איינדרוק, ניט נאָר צווישן קאָלעגן, נאָר אויך, און אפשר הויפּטזעכלעך, צווישן די ברייטע מאסן.

א. לוצקי מיט זיין טיפקייט, ראפינירקייט פון סטיל און פילאָזאָפישקייט — איז דוקא צוגענגלעך און פארשטענדלעך פאר די ברייטסטע מאסן. אויך זיינע לידער אין „גערעכטיקייט“, און „פעדער“ זיינען וויכטיקע פּאָעטישע דערשיינונגען.

זיינע לידער פון דער נייסטער סעריע „א בוים אויפן פעלד“, זיינען ממש אנטציקנד מיט זייער שיינקייט, טיפקייט און מיט דער איידעלער אבער פיל זאָגנדיקער געשליפנקייט. „פאלט א בלעטעלע אויפן פעלד — דערהערט די וועלט“... צו דערהערן אזא קול דממה דקה — דאַרף מען טאקע זיין אזא פּאָעט־פילאָזאָף, ווי עס איז אונזער א. לוצקי. דאָס דריטע בוך פון א. לוצקי, וואָס וועט מסתם בקרוב דערשיינען, וועט ווייזן לוצקין אין א נייער גרויס, אין א נייער פּאָעטישער שיינקייט און אין זיין פולער רייפקייט.

---

ל. שאפּיראָ, דער גרויסער מייסטער פון דער נאָוועלע און וואָס איז אזוי אָפּגעהיט מיט זיין פעדער, ברענגט דאָך אונז פון צייט צו צייט א נייע נאָוועלע, וואָס אנטציקט אונז מיט דער שיינקייט פון פאָרם, געשליפנקייט פון סטיל, ווי מיט דעם טיפן אינהאלט, מיט דער דינקייט פון דער פסיכאָלאָגיע, מיט דעם פיין־געמאָלטן בילד. אזא נאָוועלע איז „סוזי“, געווען פארעפנטלעכט אָנפאנגס אין זיין פערטל־יאָריקן „סטודיא“ און נאָכדעם אין דער „פרייהייט“ אין פארזעצונגען.

עס איז געווען א גרויסער עונג רוחני ביידע מאָל צו לייענען אָט די פיינגעטאָקטע און טיפמענטשלעכע נאָוועלע — פון ניו־יאָרקער לעבן, פון נייעם לעבן, פון ניו־יאָרק אומרו, און פון סאָציאלן קאמף. סוזי — איז א מייסטער־ווערק. איז אויך אזא נאָוועלע פארשוויגן געוואָרן? אונז דאכט אז יאָ, און דערפאר איז נאָך שטארקער אונזער באגייסטערונג.

ל. שאפּירא איז פון די נעציילטסטע מייסטערס אונזערע. אויף זיינע נייע שאפונגען ווארטן מיר מיט אומגעדולד.

---

צוליב מאנגל אין פּלאַץ זיינען מיר ניט אין שטאַנד צו געבן א ברייטערע אָפּשאצונג וועגן די צוויי קינדער־ביכלעך, דערשינען אין ארגענטינע. איינס פון אווינדער שפּריצער „מאָרגן - פרייד“, דאָס צווייטע „קינד און קייט“ פון ש. וואסערמאן. ביידע דיכטער, וואָס פארעפנטלעכן זייערע לידער פאר קינדער אין דער ארגענטינער טעגלעכער צייטונג

„די פּרעסע" זיינען הויך באַגאבט. שפּריצערס לידער און מעשהלעך און ש. וואַסערמאַנס לידער זיינען פאר קינדער אַן אמתע פרייד.

---

די זשורנאַלן פאר קינדער, וואָס דערשיי־נען אין פּוילן, ווי די „גרינינקע בוימעלעך" און „חבר", און „קינדער - פריינד" און דער ניו יאָרקער „קינדער זשורנאַל"—זיינען אין זייער גרעסטן טייל ווערט אנערקענונג פאר די פיינע לידער און פאר קינדער גוט צוגע־פּאַסטע דערציילונגען און מעשהלעך, ווי שלמה סיימאָנס (אין ניו יאָרקער קינדער־זשורנאַל) אידע גלאַזערס, דוד ראַדינס, ראַ־דאשיצקים, ש. באסטאמסקים, אין „חבר" ראָזא נעוואדאווסקא און פילע אנדערע אין די אויסגערעכנטע זשורנאַלן פאר קינדער.

א באַזונדערע אנערקענונג דעם באַרימטן דיכטער י. י. סיגעל פאר זיינע פּרעכטיקע לידער אין ניו יאָרקער „קינדער־זשורנאַל".

א טיפער פּאָעט בכלל, איז ער אבער אויך זיינע לידער פאר קינדער שפּילעוודיק און רייצנדיק אין דער פּאָרמע. י. י. סיגעלס א זאַמלונג לידער פאר קינדער וואָלט פאר זיי נעווען א פרייד.

---

צו דער פיינערער ליטעראטור פאר קינ־דערס און פאר יוגנטלעכע — קען מען אויך צורעכענען די גרעסערע נאָוועלע, לעצטנס דערשינען, פון א. זעלדין. א. זעלדין, וואָס איז אריין אין דער אידישער ליטעראטור, ווי א טאלאַנטפולער בעלעטריסט און איז געוואָרן איינער פון אונזערע וויכטיגסטע פּובליציסטן, האָט באַוויזן — אין זיין דערמאָנטע נאָוועלע אַז זיין בעלעטריסטישער טאלאַנט איז נאָך גע־נוג פריש.

---

מיר האָבן נאָר וואָס באַקומען א נייעם בוך פון באַרימטן דיכטער ה. לייוויק — „לידער פון גן־עדן". פארלאַג צעשישנסקי, שיקאַגא. אָפּגעזען פון דעם הימלישן טיטל — פארמעגט די זאַמלונג א באַדייטנדע צאָל לידער וועגן נייעם לעבן אויף דער ערד, און אָט די לידער זיינען טאקע די בעסטע און די רירנדיקסטע אין בוך. אויסגעצייכנט זיינען די לידער וועגן ים־איינדרוקן פון זיין רייזע קיין ארגענטינע. די דאָזיקע לידער — און אויך פילע אנדערע לידער אין בוך, אטעמען מיט נייער שיינקייט און דיכטערישער גבורה.

---

עס זיינען נאָך פארבליבן א צאָל בעלעט־ריסטישע ווערק און לידער־זאַמלונגען, וואָס האָבן געזאָלט רעצענזירט ווערן, ווי קורץ די רעצענזיע זאָל ניט זיין — אין אָט דער היינ־טיקער רעוויו. ס'איז אָבער ניטאָ קיין מעג־לעכקייט. לעגן מיר אָפּ ביז דער נעקסטער רעוויו.

צווישן די דאָזיקע ביכער—די זאַמלונגען „אידישע לעגענדעס" פון אליעזר שינדלער, וואָס פארדינט דעם שענסטן לויב פאר דער שיינער און וויכטיקער ארבעט.

אליעזר שינדלערס „אידישע לעגענדעס" זיינען געזאַמלט און איבערדערציילט מיט גרויס פארשטענדעניש, ווייסן און מיט ליבע, אַז זיי ווערן עכטע דיכטערישע שאַפונגען, ניט נאָר אין פאָלקסטימלעכן זין.

צווישן די ביכער, וואָס האָבן געזאָלט בריוט רעצענזירט און גערימט ווערן און צו־ליב מאנגל אין פּלאַץ — לאָזן מיר עס איבער ביזן נעקסטן העפט „פעדער" — געפינען זיך די פאָלגנדע העכסט וויכטיקע ביכער פון היס־טאָרישן און קולטור־היסטאָרישן און ליטעראַ־ריש־קינסטלערישן כאַראַקטער: עטיאָפּיע, אידן אין אפריקע און אזיע, פון באַקאנטן שריפט־שטעלער און שול־טוער — נח מישקאָווסקי; „דער אלוועלטלעכער צוזאמענפאָר פון אידיש־וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט צום צעניעריקן יובל פון ייוואָ; „צווישן שטאָלענע רעדער", א באַנד דערציילונגען פון טאלאַנטפולן פּראָלע־טאַריש - רעוואָלוציאָנערן שריפטשטעלער מ. בארנשטיין; „געשלאָסענע רייען" — א באַנד דערציילונגען פון באַקאנטן און הויך־באַגאבטן בעלעטריסט חיים מארגאָליעס־דאַווידסאָן, וואָס האָט שוין ניט איינמאָל מיט זיינע איינצלנע דערציילונגען פארעפנטלעכט אין „האמער", „מאָרגן־פרייהייט" און „סיגנאַל" — שטאַרק באַגייסטערט. — „היים און פרעמד" פון א נייעם בעלעטריסט אין לאָדז, יוסף סמאָליאַוש

— אַ פיל צוזאָגנדיקער טאַלאַנטפולער שרייבער.

---

ב. עפּעלבוימען, איינעם, פון אונזערע איינגאַרטיקסטע און בעסטע קינסטלער, ווערט לידער, געשענקט וויניקער אויפמערקזאַמקייט, ווי עס קומט אים.

וועגן זיין נייעם בוך „שיידוועג" — אַ בוך אין וועלכן עס ווערט אַזוי קינסטלעריש געשילדערט אַ ריי סיטואַציעס און געמאָלן אַ גאַלעריי פון בילדער פון דעם בירגער־קריג אין רוסלאַנד און שוין פון דעם ערשטן פּעריאָד פון דעם לעבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וועלן מיר שרייבן אין קומענדיקן העפט „פּעדער".

---

פּאַביום לינד, אַ בוך פון צוויי הונדערט פופציק זייטן, פון א. לעיעלעס — איז דאָס וויכטיקסטע ווערק, פון די אַלע, וואָס דער דיכטער לעיעלעס האָט ביז אהער געשאַפן. עס איז אַ זאַמלונג פון קלענערע און גרעסערע לידער און געזאַנגען, אָבער כמעט אַלע דורכגעפלאָכטן מיט איין אידעע, אין עטיש און עסטעטישן זין. דער טרעגער פון דער אידעע — פּאַביום לינד, איז דער דיכטער לעיעלעס אַליין. די לידער, ווי סוביעקטיוו און ווי אינדיווידועל — זיינען אָבער אויך סאָציאַל, אָפט נאַציאָנאַל, און אַממערסטן רעוואָלוציאָנער; אָפּגעזען דערפון, וואָס אין מאַנכע לידער איז ער צו די רעוואָלוציאָנערן פון היינט — ניט גערעכט, ווי אויפריכטיק ער זאָל ניט זיין. אָבער ניט וועגן די דאָזיקע עטלעכע לידער ריידן מיר דאָ: די טראָגן מער אַ פּאָלעמישפּאָעטישן כאַראַקטער. אויסער פּאָעזיע, שיינקייט און שטאַרקייט פון געפיל, פון דיכטערישע עמאָציע, איז אין לעיעלעס לידער דאָ פיל מייסטערשאַפט אין געבוי פון פערז און פון גאַנצן ליד. וועגן איייניקע וויניקער געלונגענע לידער ריידן מיר דאָ ניט. דער גרעסטער טייל לידער אין זינגעוודיקן בוך „פּאַביום לינד" איז שיין, טיף און הויך פּאָעטיש.

אומזיסט דער אריינפיר צום בוך מיט די טענות צו די קריטיקער: א. לעיעלעס איז איינער פון די אַנערקענטסטע און באַדייטנדסטע מאָדערנע אידישע דיכטער.

---

אין דעם וואַרשעווער פאַרלאַג „אידישע אוניווערזאַל־ביבליאָטעק", וואָס האָט שוין באַרייכערט די אידישע ליטעראַטור מיט אַ גרויסער צאָל ווערק, איז נאָר וואָס דערשינען האָמערס אָדיסייע, איבערזעצט (פון אָריגינאַל) פון גריכיש, — פון מ. ל. פּעטשעניק, מיט אַן אַריינפיר פון שלמה שיינבערג.

מיר געפינען ניט אין דער הייסער מינוט, קיין ווערטער, אויסצודריקן אונזער פרייד פון אַזאַ גרויסער ליטעראַטור־פּאַסירונג אין אידיש, האָבן מיר לאַנג־לאַנג געוואַרט — און זיך דערוואַרט! דער איבערזעצער מ. ל. פּעטשעניק האָט דאָס גרויסע ווערק איבערזעצט אין אידיש, ווי אַ געלערטער און ווי אַ דיכטער, מיט גרויס שפּראַך־קענטשאַפט און דער עיקר — מיט גרויס ליבשאַפט, ווי צו אַ מלאכת־הקודש! אויספירלעך אין אַ גרעסערן אַרטיקל אין נעקסטן נומער „פּעדער". דערווייל באַגנוגענען מיר זיך מיטן אָנזאָגן די גרויסע שמחה: אָדיסייע פון האָמער — אין אידיש!

א. ג.